STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08794

GEZAMLTE LIDER

Mendl Neugroschel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געזאמלטע לידער

דאָס בוך געזאַמלטע לידער ווערט אַרויסגעגעבן פון דער אלמנה גאָסי נייגרעשל אין אָנדענק פון איר מאַן מענדל, ע״ה. עס איז אַ בוך וואָס דאַרף פאַראינטערעסירן יעדן בעסערן יידישן פּאָעזיע-לייענער.



מענדל נייגרעשל

געזאַמלטע לידער

ניו־יאָרק, נ. י.

1968 תשכ"ח

GEZAMLTE LIDER

(*Collected Poems*)

By

MENDL NEUGROSHEL

Copyright 1968 *by*
GUSTY NEUGROSHEL
565 West 139th Street
New York, N. Y. 1968

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

Printed in the U.S.A. by
SHULSINGER BROS., INC.
NEW YORK, N. Y.

אינהאַלט

מענדל נייגרעשל, ע"ה
אַריינפיר־עסיי ....ש. ד. זינגער 7

I
היים

ס'איז אמת, מאַמע.. 17
אבות 19
מיך האָט ניט יעקב געפירט ביי דער האַנט.............. 20
אינטערוויו וועגן שטעטל.................................. 21
יידישער פרילינג 23
אַ יידישער פויער 24
מיין שטעטל סאַנדז.. 25
טרייסט 26
תמוז 27
תפילה פאַר דער יידישער שפּראַך.......................... 28
פאָלק 29
מיטאָס 30
געטער זיינען שוין טויט.................................... 31
אָ, פיר מיך אַרויס.. 32
ברויט 32
פעלקער 33
כ'וויל איצטער פּראָסט זיין.................................. 34
עלעגיע אויף אַ שטיין...................................... 36
קרעדאָ 39
דער סאָד 40
ביימער 41
דער שלאָף פון אדמען...................................... 42
זיין ווי אַ בוים.. 43
דער קראַנקער 44
ביינאַכט 45
ליד פאַרן אָנקום פון אָוונט.................................. 45
אַ ליד פאַר מיין שוועסטער סאַליע.......................... 46
דאָס איז דער אָוונט.. 47
איך 48
אין אַ שווער־דערגרייכטער שעה.......................... 50
ווערטער 52
דער הייליקער פראַנציסקוס פון אַסיסי........................ 54
די מעשה וועגן אַ פיש וואָס האָט געדאַוונט צו גאָט........ 55
די פּאַסאָליע 56
ס'געלעכטער פון פייגל איז טויט............................ 57
צוויי טונקעלע פערד 58
חומש 59

II

אַמעריקע

אויף נאָרפאָלק סטריט, אויף הענרי סטריט........ 63
איך בין דאָ צווישן אייך דער קלענסטער........ 64
דאָס איז דער האַרבסט........ 64
דערציילט מיר ניט פון קיום און פון האַפט........ 65
אין גרויען הויף פון יידישן וואָרט........ 67
די באַלאַדע פון מאַנהעטן........ 69
נאַכט און נעפל אויפן האָדסאָן........ 70
אין האַרטן ברען פון לעבן........ 71
עלעגיע אויפן האָדסאָן........ 72
דער פּאָעט און דער פרילינג........ 74
איינזאַמקייט........ 76
טויבנשטיל........ 77
איז וואו פאַראַנען נאָך איראָפּע?........ 78
דאָס איז דער סוד, דאָס איז דאָס גליק........ 79
אויף אַבאָ שטאָלצענבערגס לויה........ 80
פיר לידער........ 82
ווער שפילט זיך מיטן וואָרט?........ 84

III

חורבן

די האַק........ 89
שלאָף........ 90
מילך........ 91
האַרבסט........ 94
ביינאַכט........ 95
דאָס ליד פון לעצטקייט........ 96
ווען איך וועל קומען אַהיים........ 97
פאַרן שייטערהויפן פון פערטן חורבן........ 99
אויפן אַפּעל........ 100
און אפשר זאָל מען פאַרגעסן........ 101
אין אורוגוואַישן קאָנסולאַט........ 102
די פּאַווע........ 104
שבטים געזאַנג וועגן סאַנדז און פּאָדהאָלע (פּאָעמע)........ 105
וואָס וועט בלייבן נאָך מיר?........ 117
מענדל נייגרעשל, ז"ל
אינטימער פּען-פּראָפיל........מלך ראַוויטש 119

מענדל נייגרעשל, ע״ה

פון ש. ד. זינגער

— „ס׳איז אמת, מאַמע, כ׳האָב געלעבט מיט לידער
ווי מ׳לעבט מיט שטילעביימער אין וואַלד;
דער מינדסטער קלאַנג פון זייער דינסטן ציטער
האָט טויזנט זונען אין מיין ברוסט צעשטראַלט.
— — — — — — — — — — — — — — — —
נאָר כ׳בין געווען אַ מענטש. ניט פרעמד צו קיינעם.
אויך ניט צו די, וואָס שמייכלען פון גזאַנג;
און כ׳בין געזעסן אָוונט-צייט מיט שכנים
אין אַ גוטן שמועס ביים טויער אויף אַ באַנק.״

די דאָזיקע ליריש־אויטאָביאָגראַפישע שורות (אַ טייל פון דעם ליד: „ס׳איז אמת, מאַמע״) האָט דער דיכטער מענדל נייגרעשל געשריבן מסתּם אין די יאָרן פאַרן חורבן. און עס שטימט גענוי מיט די גוטע איינדרוקן וואָס זיינען אונדז פאַרבליבן פון אים אין זכרון ביים לייענען די לידער זיינע אין דעם זשורנאַל „דער אינדזל״ — דער חודש־זשורנאַל, וואָס מאַני לייב, זישא לאַנדוי און ראובן אייזלאַנד האָבן אַרויסגעגעבן אין די צוואַנציקער יאָרן אין ניו־יאָרק. מיר האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, אַז מענדל נייגרעשל וואוינט אין דער עסטרייכישער הויפּטשטאָט ווין, און אַז ער איז אַן אַדוואָ־קאַט. אַ דיכטער — אַן אַדוואָקאַט! ווי אויסטערליש האָט עס דאַן געקלונגען! די שטילע, נעאָ־ראָמאַנטישע לידער אָבער, — געשריבן אין נוסח פון די „יונגע״, — זיינען אונדז שטאַרק געפעלן. אַפילו די רייפע, צו־רייפע לידער זיינע, די אומעטיקע אין זיין בוך: „גע־צעלטן״ (1930); די האַרבסט־עלעגיעס אין זיין בוך: „קיילעכדיקע טעג״ (1935) און, גאָר באַזונדערס, דאָס בוך מיט די איבערזעצונ־גען פון די „פוילישע ליריקער״, האָבן שטאַרק פאַראינטערעסירט, צוזאַמען מיט די לידער פון די דעמאָלט צוגעקומענע יונגע יידישע דיכטער פון גאַליציע ווי: נחום באָמזע, ישראל אַשענדאָרף, בער שנאפּער, זכרונם לברכה.

ווען מענדל נייגרעשל האָט זיך באַוויזן אין דער מסיבה פון יידישע שרייבער אין ניו־יאָרק, אין די פערציקער יאָרן, האָבן מיר

זיך געפרייט מיט אים, ווי מיט אַלע, על־פּי־נס נצול־געוואָרענע, פון נאַצישן גיהנום. ווי ווינציק מיר האָבן זיך געטראָפן מיט אים, האָבן מיר אָבער אַלץ מער דערזען אין אים גאָר אַן אַנדערן ווי די „מענטש־געשטאַלט", ווי ער האָט זיך געשילדערט אין זיין ליד: „ס'איז אמת, מאַמע". די טיפע טראַגישע איבערלעבונגען, אין די יאָרן פון גרויסן יידישן חורבן, אין די נאַצי קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון דאַכאַו און בוכענוואַלד, האָבן געטאָן זייערס. נייגרעשל איז דאָ, אין ניו־יאָרק, געווען היפש פאַרביטערט, איזאָלירט אָפט פון חברים שרייבער. און ווען ער פלעגט שוין אַמאָל קומען אין דער ליטעראַרישער קאַפע, אָדער צו אַ זיצונג פון „פען־קלוב", פלעגט ער, מיט זיינע רייד, מיט זיינע ערלעכע, צו־ערלעכע, מיינונגען וועגן די ווערק פון שרייבער, ניט איינמאָל אַרויסרופן בייז בלוט אַפילו ביי זיינע נאָענטסטע קאָלעגן. זיינע אויפריכטיקע רייד האָבן נייגרעשלען קיין צופיל פריינד ניט פאַרשאַפט. ער האָט זיך מיט אַן עקשנות געהאַלטן ביי זיינע שאַרפע מיינונגען, און ער פלעגט אויסלאַכן הויך אויפן קול די כלומרשטע דערפאָלגן וואָס אַ טייל יידישע דיכטער האָבן ביי לייענער און קריטיקער.

אַ ליד געשריבן, וואַרשיינלעך, אין די פופציקער יאָרן, גיט איבער געטרוי די קריגערישע, פאַרביטערטע שטימונגען זיינע דורך די אַלע יאָרן פון זיין געפינען זיך צווישן אונדז:

„אין האַרטן ברען פון לעבן,
האָט דער מינדסטער שאָרף מיך אַטנמוטיקט,
אָבער אין שלאַכט־פעלד פון לידער
האָב איך געקעמפט און געבלוטיקט.

פאַרעקשנט, האַרט און פאַרביסן,
האָב איך געדונערט מיט באָמבעס,
פון אָנגעצונדענע ווערטער
אויף הערצער ווי קאַטאַקאָמבעס.

— —

צי האָב איך געוואונען? איך ווייס נישט.
כ'ווייס נאָר — כ'האָב געשלאָגן זיך מוטיק.
כאָטש ס'האָט די ברוסט און דאָס האַרץ מיר
אויף ווערטער, ווי צלמים, געבלוטיקט.

פאַרשטויסן אָפט פון אייגענע, פון די נאָענטסטע קאָלעגן אַפילו (ווי אַ סך זיינס גלייכן, די, וואָס זיינען צו שטאָלץ צו פּאָ־

דערן אַן אָרט וואָס עס קומט זיי), איז מענדל נייגרעשל געבליבן בײַ זײַן ערלעך ליד, בײַ זײַן אויפריכטיק־שעפעריש וואָרט, אַ ניט אָפּגעשאַצטער. ערשט איצט, ווען ער איז שוין נישטאָ, דערפילט מען שטאַרק דעם הויך־קינסטלערישן ווערט פון זײַן ליד, פון זײַנע טיף־פאַרטראַכטע עסייען (בעתן לייענען, למשל, די גרעסטע אַרבעט זײַנע: „די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור אין גאַליציע״, אין ערשטן באַנד „פון נאָענטן עבר״). נייגרעשל האָט טיף איבערגעלעבט דעם חורבן. אָבער נאָך טיפער האָט אויף אים געווירקט צום שלעכטן די נייע סביבה דאָ, די ביטערע מערכה פון יידיש־שעפערישן וואָרט דאָ־הי. און ווי ווינציק ער האָט געשריבן, געהערן דאָך די געציילטע לידער זײַנע צו די שענסטע און קרעפטיקסטע, וואָס זײַנען דאָ געשאַפן געוואָרן. יאָ, מען וועט עס אפשר אַמאָל מער דערזען, ווען מ׳וועט נעמען חשבון און אונטערפירן דעם לעצטן סך־הכל, „ווער ס׳איז ווער״, אין אונדזער ליטעראַטור. נאָר פאַרוואָס די נאָענטע קאָלעגן נייגרעשלס, די וואָס האָבן אים געקענט נאָך פון יענער זײַט ים, אין גאַליציע, אין ווין, און וואָס האָבן אינדערשטיל געוואוסט פון זײַן טאַלאַנט, פאַרוואָס זיי האָבן אים אויפגענומען קאַלט און אים זעלטן דערמאָנט — דאָס בלײַבט אַ רעטעניש. איך קען ניט פאַרגעסן וואָס י. י. סיגאַל, ע״ה, האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אין איינעם פון די שמועסן בײַ אים אין הויז, אין מאָנטרעאָל: „פאַר־וואָס״ — האָט סיגאַל געפרעגט — „פאַרשווייגט מען אַזוי נייגרעש־לען אין ניו־יאָרק? ער שטייגט דאָך טויזנט מאָל אַריבער מיט זײַן טאַלאַנט אַ סך פון די טומלער און גראַמען־שרײַבער, בײַ אײַך אויף איסט בראָדוויי!״...

אַמאָל אַן איינציק ליד, ניט מער, דערציילט אונדז אַלץ וואָס ער, דער איזאָלירטער און איינזאַמער דיכטער, האָט געטראַכט און געפילט בעת ער האָט זיך באַוויזן אויף איינעם פון זײַנע שפּאַצירן אויף דער יידישער איסט־סייד. עס איז, אין תוך, דער סך־הכל, אויף אַ וואונדערלעכן אופן אויסגעדריקט, ווי נאָר אַן אמתער דיכ־טער גיט זיך איין איבערצוגעבן און צו געפינען אויסדרוק פאַר זײַנע שטימונגען, וואָס זײַנען סוף־כל־סוף, די שטימונגען פון כלל, און פון די וואָס האָבן דעם מוט צו קוקן דעם אמת אין פּנים אַריין. און ווי שטאַרק מען וויל פאַרטרײַבן דידאַקטיקע ביטערע הבל־הבלים־

דיקע טראַכטעניש, מיטן ביסל בטחון, וואָס יעדער פון אונדז טראָגט מיט זיך אַרום — אַז טאָמער, אולי, וועט פאָרט נאָך ווערן גוט אַמאָל מיט אונדזער יידיש־גייסטיק לעבן, דאָ־הי, ווירקט אָבער שטאַרקער דאָס וואָרט פון פּאָעט, וואָס האָט דעם כח צו פאַרטרייבן אַלע פאַלשע אילוזיעס. אַזאַ איז דאָס זעלטן־טרויעריקע ליד, מיטן נאָמען „אויף נאָרפאָלק סטריט, אויף הענרי סטריט".

„אויף נאָרפאָלק סטריט, אויף הענרי סטריט ... דאָ גיי איך,
ווי צווישן פרעמדע שבטים פון האַיטי.
איז דאָס מיין פאָלק? מיין גורל? מיין שפּראַך?
אָ, ווערטער גרויע, ווערטער לאַנג פאַרבליטע!

אַ טלית גלאַצט דורך וויינענדיקע שויבן
פון טונקעלער קראָם, און ס'גרויט אַן אַלטער סידור,
מיט עברי-טייטש, מיט ענגליש און מיט טרויער.
(אָ, גאָט, פאַר וועמען שרייב איך מיינע לידער?)"

אין אַ ליד געשריבן אין אָנדענק פון דער דיכטערין אַנאַ מאַר־גאָלין שרייבט נייגרעשל אין אַ שטימונג פון געפאַלנקייט און הכנעה: דער דיכטער וואָס האָט פריער „אין שלאַכטפעלד פון לידער געקעמפט און געבלוטיקט" האָט איצט ווי זיך אונטערגעגעבן דעם גורל זיינעם אין דער סביבה וואָס האָט אים ווי אַרויסגעשטויסן:

„איך בין דאָ צווישן אייך דער קלענסטער,
אין אייגענעם צימער, — נע-ונד."

צו זיין „נע־ונד" אין אייגענעם צימער, צו קוקן ווי „דורך אַ פענצטער, מיט שרעק און חשד" — וויפיל דערציילט דאָס פון זיינע טרויעריקע איבערלעבענישן דאָ אין גרויסן ניו־יאָרק?...

אַלץ וואָס ער זעט איז: ווי „דאָס גראָז ווערט גרויער" און ווי „ס'טונקלט שוין דער לעצטער חוש". דאָס האַרץ — לעבט פון „ברעקלעך טרויער", און צום גראַם פון „לעצטן חוש", שרייבט ער.

„מיך קען מען טויטן מיט אַ קוש."

∴

אַ באַזונדערס שווערן, דערדריקנדיקן איינדרוק רופט אַרויס ביים לייענען די פּאָעמע: „אין גרויען הויף פון יידישן וואָרט", גע־דרוקט אין צווייטן העפט פון דעם פערטל יאָר־שריפט „וואָגשאָל" (רעדאַקטירט פון א. טאַבאַטשניק, אַפּריל־יוני, 1959). דאָ, אין

„וואָגשאָל", האָט נייגרעשל זיך געפילט, מסתמא, היימישער ווי אין וועלכן עס איז זאַמלבוך; בחברותא מיט איציק מאַנגער, א. טאַ־באַטשניק, מאיר שטיקער, בעריש וויינשטיין — דאָס זיינען דאָך חברים נאָענטע, וואָס קומען, אין תוך, פון דער זעלבער פּאָעטישער שול: די דיכטער וואָס היטן אָפּ געטריי די טראַדיציע פון בעסערן יידישן ליד; דאָס ליד וואָס איז אַזוי אייגן מאַני לייבן, לאַנדוין און אייזלאַנדן. נייגרעשלס לידער, — אין פאַרגלייך מיט די לידער פון זיינע נאָענטע קאָלעגן, — ווירקן שווערער מיט זייער טיפן טרויער. זיי זיינען אַ המשך פון די „עלעגיעס" און „באַלאַדן" וואָס ער האָט געשריבן פונעם טייך — האָדסאָן, טראַכטנדיק דערביי פון זיין יוגנט, אין די שטעט ווין און וואַרשע, ביי דער ווייסל... מאַנגער'ס לידער אין „וואָגשאָל", און אַזוי די לידער פון א. טאַבאַטשניק, שטיקער און וויינשטיין, זיינען פול מיט אומעטיקע אַקאָרדן. אָבער ניי־גרעשל שטייגט זיי אַריבער מיט זיין פאַרצווייפלטן, יאושדיקן „כלו־כל־הקיצין"־געמיט, פון איינעם וואָס האָט שוין אַלץ פאַרלוירן.

אין די קרוב צו פערציק לידער וואָס נייגרעשל האָט נאָך באַ־וויזן צוצוגרייטן צום דרוק, אַ קורצע צייט איידער ער האָט זיך אויף אייביק געשיידט פון אונדז, — פעלט די צווייטע העלפט פון דער דאָזיקער פּאָעמע. איז גוט וואָס זי איז אויפגעהיט געוואָרן — אַ גאַנצע — און דער לייענער וועט זי געפינען אין דער איצטיקער זאַמלונג, צוזאַמען מיט אַ היפּשער צאָל נאָך־נישט־געדרוקטע לידער פון דיכטערס ליטעראַרישן עזבון.

אין דער פּאָעמע „אין גרויען הויף פון יידישן וואָרט", נעמט נייגרעשל חשבון פון זיך, פון זיין לעבן דאָ אין ניו־יאָרק, און פון דער גאַנצער מערכה פון יידיש־שעפערישן וואָרט. ער פאַרגלייכט זיך צו אַ הינדל, וואָס גיט אַ פּיק אַ „קליינינקן קערן" און מיינט, אַז דאָס איז דער „ליכטיקסטער שטערן". און אָט פאַרגלייכט ער זיך צו אַ טויב, וואָס וואָרקעט: „איך גלויב". „נאַר" — פרעגט ער — „צי גלויב איך?"

„און ווי קען מען גלויבן,
אַז ס'ליגט שוין דאָס לעבן, אַ שטויב,
צווישן שטויבן?"

און אָט, — הערט און שטוינט! — פאַרגלייכט ער זיך גאָר צו אַ... הונט:

„וואָס לעקט יעדן רינג פון דער גאָלדענער קייט;
און היט ס'דאָברע-מזל פון פייער,
כאָטש לאַנג, ווי עס קומט ניט קיין פייער,
צו אונדזער חרוב-געוואָרענעם שייער."

און ווייל ער, דער איינזאַמסטער צווישן אַלעמען, האָט געצאָלט:

„דעם אַרבעטער-רינג פינקטלעך דעם שטייער,
וועט מען מיר מאַכן אַ רעכטע לוויה,
און אין אַ טרומנעלע וועט מען מיך פירן,
צו מאַני לייבן,
צו משה לייבן,
און דאָרט וועל איך ליגן מיט די גרעסטע לייבן,
און דאָרט אויפן הייליקן אָרט,
דעם שטילן, דעם טרערן באַנעצטן,
וועל איך היטן דעם לעצטן,
דעם לעצטן הויך פונעם יידישן וואָרט."

∴

פאַראַן לידער ביי נייגרעשלען, — באַזונדערס די וואָס ער האָט געשריבן אין די סוף דרייסיקער יאָרן, — וואָס קלינגען פרעמד, ניט־יידיש: ווי איינער וואָס וויל זיך צוניפרעדן מיט די, וואָס דערווייטערן זיך פון אַלץ וואָס איז יידיש, להיפּוך צו דעם עכט־טראַדיציאָנעלן יידישן ליד, וואָס יידישע פּאָעטן האָבן גענומען שרייבן דעמאָלט, אין די דרייסיקער יאָרן, ווי אַן ענטפער צו דעם רשעות־דיקן נאַציזם, און צו די כלומרשט־גויעשע „אוניווערסאַלע", „הומאַנע" לידער. דער צוניפזינג מיט די באַרימטע אולטראַ מאָדערניסטן, די אָפענע, און באַהאַלטענע שונאי־ישראל, האָט ווי אויפגעהערט ביי יעדן יידישן דיכטער. און מיט רעכט; אפילו די, וואָס האָבן פריער געלויבט ביזן הימל אַריין די פאָרם־דערגרייכונגען פון אַ עזרא פאונד און אַ ט. ס. עליאָט. אויך נייגרעשל האָט אויפגעהערט צו שרייבן אַזעלכע פריקרע לידער ווי זיין „אינטערוויו וועגן שטעטל", „די עלעגיע אויף אַ שטיין", אָדער ווי דאָס ליד, אַ שטייגער, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „מיך האָט ניט יעקב געפירט ביי דער האַנט", וואו ער גרויסט זיך כלומרשט, אַז:

„ווען מ'האָט אין מסדה געשאַרפט די שווערד,
האָב איך דעקלאַמירט מיט ציצעראָנען,
געריטן אין שניי אויף טונקעלע פערד,
און אין שוואַרצן רויך פון האַרטע קאַנאָנען
געקניט, און געקושט
דעם זוים פון מאַנטל ביי נאַפּאָלעאָנען."

פאַרגלייכט מען אָבער נייגרעשלס לידער, די וואָס ער האָט געשריבן פאַרן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, מיט די וואָס ער האָט דאָ, אין דער פרעמד, געשאַפן, אויף דעם שטיינערנעם, פעל־זיקן באָדן פון ניו־יאָרק, קומט מען צום אויספיר, אַז דווקא דאָ, ווי פינצטער־שוואַרץ, ווי טרויעריק, עס איז די וועלט געווען פאַר אים; ווי רעזיגנירט, פול מיט יאוש עס איז געווען זיין געזאַנג, שטייען אָבער די לעצטע שאַפונגען זיינע אויף אַ פּיל־העכערער, קינסטלערישער מדרגה, ווי די וואָס ער האָט געשריבן אין אייראָפּע. באַזונדערס איז כדאי צו דערמאָנען: „די באַלאַדע פון מאַנהעטן", וואָס קיין סך אַזעלכע באַלאַדעס געפינט מען נישט אַפילו ביי אונ־דזערע בעסטע ליריקער.

מענדל נייגרעשלס פּאָעמע: „שבטים־געזאַנג וועגן סאַנדז און פּאָדהאָלע", געהער, אָן ספק, צו די געציילטע גרויסע ווערק אין אונדזער חורבן־ליטעראַטור. אין די קאַרגע פופצן זייטלעך האָט נייגרעשל דאָ אַנטפּלעקט אַ וועלט אַ גאַנצע, וואָס איז אַוועק מיטן רויך. דאָס בילד פון די ציגיינער וואָס פאָרן אָן אין שטעטל, אין דעם יידיש־חסידישן סאַנדז, דערמאָנט אין די פּאָעטיש־האַרציקע ציגיינער־מעשות, וואָס משה נאַדיר האָט, אויף זיין מייסטערהאַפטן אופן, דערציילט אין זיין פּראָזע־ווערק „נאַראַיעוו". נייגרעשל איז אין תוך ממשיך אין ליד וואָס סיי נאַדיר, סיי אייזלאַנד האָבן גע־שילדערט פון דער אַמאָליקער יידישער גאַליציע: נאַדיר אין זיין „נאַראַיעוו" און אייזלאַנד — אין זיין באַרימטער פּאָעמע „טאַר־נאָוו", וואָס געהער, אגב, צו די שענסטע יידיש־חסידישע פּייזאַזשן. זיין גרויס בענקשאַפט נאָך דער יוגנט און די קינדער־יאָרן האָט נייגרעשל דאָ צוגלייך אויסגעדריקט דעם טיפן טרויער נאָך דער אומגעקומענער יידיש־חסידישער סאַנדז:

„דאָרט — אין גרינעם טאָל — ליגט סאַנדז,
מיט עברי־טייטש און אַטלעס־גלאַנץ,
מיט תחינות און מיט שטערן־טיכלעך,
מיט ספרים און מיט זכר־ביכלעך,
און ווייסע ציגעלעך וואָס האַנדלען,
מיט מעשה־ביכלעך און מיט מאַנדלען."

אָקטאָבער, 1967

I

היים

ס׳איז אמת, מאַמע

ס׳איז אמת, מאַמע, כ׳האָב געלעבט מיט לידער,
ווי מ׳לעבט מיט שטילע ביימער אין אַ וואַלד.
דער מינדסטער קלאַנג פון זייער דינסטן ציטער
האָט טויזנט זונען אין מיין ברוסט צעשטראַלט.

איך האָב געזוכט דאָס וואָרט, וואָס גייט אויף זעלטן,
ווי מ׳זוכט פאַרציטערט יענעם גרויסן סוד,
וואָס ברענגט די בלויקייט פאַר אַנטשטילטע וועלטן
און דיינע ליפּן צו אַ האַרץ פון גאָט.

נאָר כ׳בין געווען אַ מענטש. ניט פרעמד צו קיינעם
(אויך ניט צו די, וואָס שמייכלען פון געזאַנג)
און כ׳בין געזעסן אָוונטצייט מיט שכנים
אין גוטן שמועס ביים טויער אויף אַ באַנק.

און כ׳האָב גערעדט פון פּשוטע ענינים
אין גרויסער פּשטות פון מיין פּראָסטער שפּראַך.
מיט היים און פעלדער האָט געשמעקט מיין פּנים
און זיך געהייליקט מיט דער פּראָסטער שפּראַך.

איך האָב מיין טאָג אויף גראָען ארץ געשמאָלצן,
פון ווייסן ליין האָב איך געוועבט מיין העמד.
און קיינמאָל ניט מיט גאָרנדיקע שטאָלצן
די גוטע שוואַרצקייט פון דער ערד פאַרשעמט.

ווי מיינע זיידעס און ווי מיינע פעטערס
האָב איך געקענט דעם האַרבן טעם פון יאָך.
און כאָטש איך האָב געראַנגלט זיך מיט געטער,
האָב איך געליבט די שיינקייט פון דער וואָך.

און איצט, ווען ס׳רופט די טיפע נאַכט שוין, מאַמע,
הייב אויף דיין אַלטע, גוטע האַנט און בענטש
מיין האַרץ, וואו ס׳קלאַפּט מיט זיכערקייט פון האַמער
דער גרויסער שטאָלץ, וואָס כ׳בין געווען אַ מענטש!

אָבות

די אָבות מיינע האָבן אויף די לענדן
געטראָגן שטריק און גראָבע וואַנדערזעק.
יאָרטויזנטער, וואָס שניידן און פאַרלענדן
מיט קאַלטן חלף און געשאַרפטע העק,
זיי האָבן מיינע אָבות ניט פאַרלענדט.

אין ברויז פון ים, אין זוניקן געלייטער,
אויף קאַלטע תליות, לעבן לעצטע ווענט,
געטראָגן האָבן זיי אין שוואַכע הענט
דעם גרעען גאָט, וואָס האָט אין זיי געברענט
און זיי געפירט צום פלאַקערדיקן שייטער.

אין רעש פון מאַרק, אין אין־סוף־לאַנגע נעכט
ווינקט זייער באָרד מיר: זון, זאָלסט ניט אַנטלויפן!
דו ביסט דער יורש און דו ביסט דער קנעכט.
סע וואַקסט דאָס האַלץ שוין פאַר דיין שייטערהויפן.
זאָלסט גיין. זאָלסט קומען. און זאָלסט ניט אַנטלויפן.

און כ׳טראָג אין מיר מיט טרויער און עקשנות
דעם אַלטן גאָט, דעם פלאַמענדיקן וואַלד,
וואָס האָט אין מיינע אָבות זיך צעשטראַלט,
און ברויזט אויף מיר מיט שטערן און לבנות.

זיין ברעם איז גראָ. אין האַנט די שאַרפע האַק.
מיט ציטער הער איך שטום דעם האַרטן פסק,
וואָס שניידט זיך שאַרף, ווי פעלדזן אין אַ טאַל.
כ׳פאַרבייס די ליפּ, און שווייג. און כ׳טראָג דעם עול.

מיך האָט ניט יעקב געפירט ביי דער האַנט

מיך האָט ניט יעקב געפירט ביי דער האַנט,
איך האָב מיט ירמיהון צו גאָט ניט געשריגן.
מיך האָט געלערנט מיעשקאָ דער פיאַסט
דאָס גרינע ליד פון ווערבעס, וואָס וויגן
אַ דערפל אַ בלאָנדס
מיט זייער פאַרחלומט-סלאַווישן ניגון.

ווען מ'האָט אין מסדה געשאַרפט די שווערד,
האָב איך דעקלאַרירט מיט ציצעראָנען,
געריטן אין שניי אויף טונקעלע פערד
און אין שוואַרצן רויך פון הארטע קאַנאָנען
געקניט, און געקושט
דעם זוים פון מאַנטל ביי נאַפּאָלעאָנען.

און איצטער ליג איך שטום און פאַרקלעמט,
ווען כ'הער דעם הייליקן רוף פון דער ווייטן.
עס קלעפּט ווי בלוט דער שווים צו מיין העמד,
ווען כ'זע די טונקעלע נביאים רייטן
מיט הויכע שטערן, מיט גראָע פאַרצייטן,
און שוועבן-פאַרביי
דאָס איינזאַמסטע הויז פון מיין פינצטערער נאַכט.

אינטערוויו וועגן שטעטל

וואָס איך געדענק פון שטעטל? ווייניק.
אַ יאַגיעלאָנסקע־גאַס, אַ באַן.
אַ גוראל טענהט מיט אַ חסיד.
(פון דאָרף צום שטעטל איז אַ שפּאַן.)

וואָס איך געדענק פון שטעטל? ווייניק.
ס׳איז אַלץ געווען מאָדנע קליין.
גרוים איז געווען בלויז דער פּחד
פאַר מאַטעמאַטיק און לאַטיין.

פון טונקעלע אַלמערס האָט געאָטעמט
אַן אַלטע, טיף פאַרטראַכטע וועלט.
פון רחלס מאַמעדיקע טרערן
האָט יוסף יונג אַרויסגעקוועלט.

און משה איז געווען אור־גרוי —
און זייער אַלט — מיקאַליי רעי.
און איינער האָט געטראָגן לוחות,
דער אַנדערער — אַ בינטל היי.

אַ שטילע שול. אַ שטאָלצער קלויסטער.
און ביידע פרום און הארט געשמידט.
און צווישן ביידע האָט געהוזשעט
אַ יידיש־גויאישער יאריד.

צוויי וועלטן האָבן זיך געראַנגלט,
ווי טונקעלע בערג. און צווישן זיי
בין איך געריטן אויף אַ פערדל,
אַ פערדל פלינק און ווייס ווי שניי.

ווי שניי ? ... ס׳איז דאָך געווען אַ זומער,
ווי פעלדער ווייט, ווי זאַנגען בלאָנד.
(ער הייבט זיך ערגעץ אָן אין האַרצן
און ענדיקט זיך ביים האָריזאָנט.)

יידישער פרילינג

ניטע,ביימער, ביימער, ניטע,
מיט די צווייגן מיט צעבליטע
בעט ניט גאָט אויף יונגען טוי!
ס׳ליגט דאָס קינד שוין אויף דער מיטה,
ניטע, ביימער, ניטע, ניטע...

ניטע, ביימער, פעלדער, וועגן,
בלוט וועט פאַלן, ניט קיין רעגן,
בעט ניט גאָט אויף יונגען טוי!
שטילער, שטומט — ווען ס׳טוט באַוועגן
נאַכט די שרעק אויף אַלע וועגן.

ווי, דאָס איז דער גרעסטער קרבן:
ס׳לעצטע קינד איז אונדז געשטאָרבן,
בעט ניט גאָט אויף יונגען טוי!
ס׳וואַקסט קיין גראָז ניט, ס׳וואַקסט דער חורבן —
ס׳לעצטע קינד איז אונדז געשטאָרבן.

וואו איז פרילינג? געל-פאַרבליטע
הענטלעך! אויגן לאַנג פאַרגליטע!
(בעט ניט גאָט אויף יונגען טוי!)
ס׳ליגט דאָס קינד שוין אויף דער מיטה.
ניטע, ביימער, ניטע, ניטע,
אַלץ איז אוים —

אַ יידישער פויער

ער איז געווען אַ פּשוטער מאַן.
אַ מילכיקער, אַ יידישער פּויער.
און האָט געלעבט אין אַ דערפל ביי סאַנדז
מיט גראָזיקן פעלד און יידישן טרויער.

ער איז געווען אַ פּשוטער מאַן
און געגאַנגען אַביסל געבויגן.
און געטראָגן מיט פויערשע פּשטות די קאַן
און געקוקט מיט מילדלעכע אויגן.

זיין ווייב האָט געשמעקט מיט שטאַל און היי
און אויסגעזען ווי אַ גויע.
און גערעדט ווי אַ גוי מיט אַ שאַרפן רייש
ווען זי האָט די פערדלעך געפויעט.

זיין זון איז געוואַקסן שטום ווי אַ פיש
(געבוירן געוואָרן אָן לשון)
דאָך האָט אים פאַרשטאַנען דער באַרג און דער וואַלד
און דאָס שטרוי ווען ער האָט געדראָשן.

מיין שטעטל סאַנדז*)

ביי די קאַרפּאַטן ליגט מיין שטעטל סאַנדז
און חלומט חסידיש פונעם אַלטן רבין . . .
אַזויפיל שיינקייט, ליכטיקייט און גלאַנץ,
מיין גאַטעניו, האָסטו דער שטאָט געגעבן ! . . .

פון יונגע מיידלעך אַ צעבליטער קראַנץ
ציילט תמימותדיק די יונגע טעג פון לעבן —
און אין אַ מאָדנעם, האַרצעדיקן טאַנץ
חלומות מיט דער ווירקלעכקייט זיך וועבן.

דאָס שטעטל נעמט אַדורך אַ זיסער ציטער . . .
אויף קליינע שייבלעך צאַפּלט אויף אַ פליטער
פון דער לבנה־פּראַכט, דער יונג־צעבליטער.

אַ וואונדער־טרוים וויגט איין די קינדער־קעפּלעך:
יינגלעך געווינען פיל אין שפּיל מיט קנעפּלעך
און מיידלעך מעסטן שטאָלץ די לאַנגע צעפּלעך . . .

*) פון: „אַ סאָנעטן־קראַנץ פאַר מיין שטעטל סאנדז".

טרייסט

טו אָן דיר, ליד מיינס, אַ רימען
און לאַטשן פון פשוטן האַלץ.
לעש אויס פון דיינע שטימען
די שטים פון צעפלאַקערטן שטאָלץ.

און גיי צווישן מיינע ברידער
ווי אַ מעזשע פון פעלד צו פעלד.
סע וואַקסט דאָרט צומאָל אַ בעריאָזקע,
וואָס דאַוונט פרום צו דער וועלט.

און טראָג אין דיין אָרימען זעקל
אַ גרויסן בטחון, ווייל ס׳הייסט,
אַז ס׳גייט שוין דער הייליקער פרילינג
מיט בלומען, וואָס אָטעמען טרייסט.

טאָ שמייכל טיף צו דעם פרילינג,
אָ, ליד מיינס, פון סטראָף צו סטראָף,
ווי ס׳שמייכלט פאַרבענקט צו דער גאולה
דאָס הארץ פון אַ למד־וואָוו.

תמוז

ס׳גייט ווידער אויף די גרויסע רו פון תמוז.
מיט פולע אייטערס שפּאַנען מיד די קי
און אָטעמען מיט ווארעמקייט פון מאַמעס.

אין טונקעלן שטאַל האָט פריילעך זיך צעסטרוניקט
אַ שטראַל פון מילך און קלינגט אַראָפּ צום קאַן.
מיט ליכטיקייט האָט אים די זון צעזוניקט.

כ׳האָב קיינמאָל ניט די טיפע וועלט פאַרשטאַנען,
ביז כ׳האָב דערזען אַמאָל פאַרנאַכט דאָס גראָז,
וואָס גרינט און לאַכט צופוס פון די פאַרקאַנען.

כ׳בין ווייט פון צער און קלעמענדיקע שרעקן.
אָ, לאָזט מיך לעבן ווי דאָס שטילע גראָז!
די גאַנצע וועלט וועט זיך אין אים אַנטפּלעקן

מיט סוד און גאָט און נאָענטקייט פון מאַמעס,
וואָס קומען אָן מיט פולע קוישן פרוכט
פון סאַד, פון וואַלד, פון פעלד, דער וועלט פון תמוז.

תפילה פאַר דער יידישער שפּראַך

דוד האָפשטיינען

אַ הייליקער גייסט, אַ גייסט, דערוואַך
אין יעדן אָטעם פון מיין שפּראַך!
קום ווי אַ ווינט, אַ לאַנג באַגערטער
מיט פרישן גאַנג דורך אַלע ווערטער
און מיט אַ הייליקער געוואַלט
די שאָלעכץ פונעם וואָרט צעשפּאַלט!

צינדט אָן דאָס וואָרט מיט יונגן מוט,
מיט נייער קראַפט, מיט נייעם בלוט
די אָדערן פון לאַנג צעשטערטע!
מאַך אומגעריכטער, אומדערהערטער
דאָס וואָרט, וואָס האָט געשטומט באַשווערט,
ווי טויבע שטיינער אויף דער ערד.

ווי אָדערן פון טונקעלן ארץ
ריים אויף דאָס וואָרט, וואָס שלאָפט אין האַרץ,
צעהאַק די וואַנט, שייל אוים דעם קערן,
וואָס גאַרט נאָך הארטן וואוקס און ווערן,
גאַרט צו פאַרקערפּערונג, וואָס שאַפט
מיט טיפער, סודותדיקער קראַפט.

און מאַך אונדז שאַרפער דאָס געהער,
מיר זאָלן הערן יעדן קער
פון וואָרט, וואָס ציטערט אין דער ווייטן!
און לאָז עס פריי און אומגעשטערט,
ווי ווילדע, שוימענדיקע פערד,
דורך רחבותדיקע סטעפּעס רייטן,
און דונער אוים דעם הארטן „ווערט!"
צום מאַרגנרויט פון נייע צייטן!!

פּאַלק

ער איז דער אור־פּעלדז. גרוי און קלוג און אַלט.
איך בין אַ בלאָנדער, זינגעוודיקער וואַלד.

ער איז דער אור־פּעלדז. האַרט און גרוי־געשמידט.
איך בין אַ גרינער וואַלד, וואָס רוישט זיין ליד.

ער איז דער אור־פּעלדז. אומבאַוועגלעך. שטום.
איך בין אַ וואַלד, וואָס וויאַנעט און קומט אום.

און ער — איז אייביק. אויף זיין פּנים טריפֿט
די שטערן־נאַכט מיט סודותדיקער שריפֿט.

די לבֿנה בוקט זיך שטיל צו אים. ער שטראַלט,
ווען די זון גייט אויף, מיט ליכטיקער געוואַלט,

וואָס אָטעמט מיטן כּוח פֿון בראשית.
ער איז דער אור־פּעלדז.

מיטאָס

אָדער אַ וואָרט, וואָס קען טויטן,
אָדער אַ וואָרט, וואָס קען ליבן!
צוויי ווערטער האָסטו, אַ האַר, אונדז
אין פּלאַקערנישן געקליבן.

מיטן וואָרט, וואָס קען טויטן, האָסטו
די וועלט אונדז צעחרובט, אַ, האַסער!
ווי דעמאָלט הויערסטו טונקל
אויף דער נאַכטיקער פלאַך פונעם וואַסער.

מיטן וואָרט, וואָס ליבט, בויסטו ווידער
דעם וואונדער־בויגן פון שטערן
און דו זעסט ווי דער שמייכל פון מאָרגן
אַ צעשמייכלטע וועלט טוט געבערן.

און גייסט אויף צעשימערטע בריקן,
צום אייגענעם ווערק אַ פאַרקלערטער
און ווידער הערסטו דאָס רוישן
פון אָנגעצונדענע ווערטער.

אַ וואָס פאַר אַ וואָרט ווערסטו, האַר, אונדז
שמעלצן אין פלאַקער אין רויטן?
— צוויי ווערטער: איינס, וואָס קען ליבן,
און דאָס אַנדערע וואָרט, וואָס קען טויטן..

געטער זיינען שוין טויט

געטער זיינען שוין טויט. אין טונקעלן טרויער
גליווערט דאָס גראָז אויפֿן הייליקן באַרג.
אָך, אַפּאָלאָ, בלאָ־אויגיק, מיט ליכטיקע לאָקן
ליגט אונטער ליימענער ערד. און ס׳טרעפֿט שוין ניט קיינעם
מערער זיין פֿייל. און דאָס איינזאַמע האַרץ
איינזאַמט נאָך טיפֿער.

אור־אַלטע ביינער. קאַלט און פֿאַרטריקנט.
גאַרט ניט דער גרויער גומען נאָך טוי.
אור־אַלטע ביינער! ווי אונדז, דאָס איז דאָך
צעאוס,
וואָס שליידערט דעם דונער!

ראַנגלט זיך מער ניט טאַנטאַלאָס. טיפֿער
זינקט ער אין אָפּגרונט.

ווער וועט אונדז ברענגען דעם בליץ פֿונעם פֿייער,
ווער, פֿאַר דער אייביקער נאַכט?

איילבערט־בלעטער! פֿאַר וועמען ציטערט
צאַרט אייער זילבערנע גרינקייט?
ס׳וואַנדלט דאָך מער ניט אין גילדענע פֿליִענן
דיאַנאַ מיט ציטריקע הירשן.

ווער וועט אונדז ברענגען פֿון וואַלדישע וועלטן
קילקייט פֿאַר ווייפֿולע וואונדן?

געטער זיינען שוין טויט. צווישן איינזאַמע חורבות
גיי איך אַראָפּ פֿונעם הייליקן באַרג.

אָ פיר מיך אַרויס . . .

אָ פיר מיך אַרויס *)
פון שרעק און געוואַלט,
כ'זאָל ווערן ווי גראָז,
ווי רוישיקער וואַלד.

כ'זאָל ווערן אַ בוים
אין בלעטריקן הויז,
צו שטילקייטן גרויסע
פיר מיך אַרויס.

כ'זאָל וואוינען דאָרט לאַנג
ווי אין הייליקע שטעט,
און ווערן געזאַנג,
און ווערן געבעט.

ב ר ו י ט

בייג איין דעם קאָפּ אין טיפן דאַנק,
פאַרפלעכט די הענט, ווי פרומע צווייגן.
זע, אויפן טיש דעם לאַבן ברויט:
אַ וואַקסנדיק געזאַנג,
וואָס איז געוואָרן שווייגן.

*) ווייל ס'קען זיין אינטערעסאַנט פאַר פּסיכאָלאָגן, דערמאָן איך, אַז איך האָב דאָס ליד (דעם ערשטן און לעצטן סטראָף) געשריבן אין חלום.

פעלקער

אַ רוים, אַ רוים, ווער ווערט דיין גרויסקייט פּרייזן,
דיין פּראַכט אַמאָליקע, וואָס ליגט אין שטויב?
דער זשאַווער קריכט ווי ווערים אויף דיין אייזן.

אָ, גריכנלאַנד, וואו זיינען דיינע געטער?
עס זעט דער בלויער ים, אַז אַלץ איז רויב
פון הויקערדיקע קאַרליקעס און שפּעטער.

אָ, מדי, פּרס — פעלקער ווי דמיונות!
אַ לענדער אויסטערלישע ווי לבנות!
עס קלאָגט אויף אייך דער טרויער פון זכרונות . . .

און דעמאָלט האָט אין בלוטרויש פון סכנות
די גאַנצע וועלט געראַנגלט זיך מיט אייך! . . .

און מיינע אָבות זיינען — זעט! — געגאַנגען
תכריכימדיק צום פלאַקערדיקן שייטער
אין וויסטע נעכט און לאַנגע טויטגעזאַנגען —
און לעבן נאָך — און וועלן לעבן ווייטער! . . .

כ׳וויל איצטער פראָסט זיין

א.

כ׳וויל איצטער פראָסט זיין, ווי דאָס גראָז פון סעדער
און גוט און נאָענט ווי שטרוי פון קליינע נעסטן,
אַז ס׳זאָל מיך ווידער ליב האָבן אַ יעדער.

איך האָב פאַרלאָזט די שווינדלענדיקע רעדער
פון פוסטע רייד און אויסגעטראַכטע זשעסטן
און כ׳גיי מיר פראָסט אַצינד, ווי ס׳גייט איעדער —

און כ׳ווייס, אַז ס׳איז צו גיין אַזוי צומבעסטן . . .

ב.

כ׳וועל שלאָפן אין אַ קרעטשמע אָדער שייער,
וואָס שמעקט מיט זון, מיט צייטיקייט און סטויגן.
און יעדע שטרוי וועט זיין מיר נאָנט און טייער,

ווי אין אַ ווינטער־נאַכט דער בליץ פון פייער,
ווען מ׳קאָרטשעט זיך אין שניי, פון פראָסט געבויגן,
און שפילן זיך מיט קאַטשקעלעך און אייער,

וואָס האָט געלייגט דאָס גליק מיט בלאָע אויגן . . .

ג.

איך וועל מיך שוין פון וויטאָג מער נישט וועקן
אין אַש און שטויב אויף גליענדיקע קוילן!
און ס׳וועט די נאַכט, די שוואַרצע, מיך נישט שרעקן.

קוק אָן די וועלט: זי בליט אויף טויזנט עקן!
וואו ס׳וועלן מיך פאַרטראָגן מיינע זוילן,
וועט זיך צעבליען מיין וואַנדערנדיקער שטעקן,
מיין פראָסט געשניצטער וואַנדערנדיקער שטעקן...

עלעגיע אויף אַ שטיין

ווי פריי איך מיך, אַ, גרויער שטיין (פּאַרוואָר !)
וואָס כ׳האָב דיך אויף דעם זעלבן אָרט געפונען !
איך בין אַמאָל געווען אַלט זיבן יאָר
און דו האָסט נאָך געגליט מיט זיבן זונען.

דו ביסט געווען מײַן פערד. און אויף דײַן רוקן
בין איך געריטן הפקרדיק און פריי.
ווי פלעגן דײַנע מילדע אויגן קוקן
אויף מיר ! ווי היימיש, נאָענט און געטריי !

דו ביסט געווען מײַן שיף. און צו דעם האַרצן
פון דײַנע מאַסטן האָט געפּויקט דער ווינט.
דו ביסט געווען אַ נעגערטע אַ שוואַרצע
און האָסט געטוליעט מיך, דײַן איינציק קינד.

געדענקסט יענע שטאָלצע, וואונדערלעכע לאַנד,
וואָס האָט געקעמפט מיט העלדישקייט און שנאה ?
דו ביסט געווען מײַן בעסטער אַדיוטאַנט
און האָסט מיט מיר פאַרטיידיקט קאַרטאַגינע...

איך בין געווען אַ פּרעכטיקער סטראַטעג :
מײַן שלאַכטפעלד האָט געאָטעמט מיט גאונות.
ס׳האָט פון „צוריק” נאָך ניט געוואוסט מײַן וועג,
כ׳האָב בלויז געוואוינט מיט שכורע נצחונות.

איך בין געווען אַ קאַליף ; און כאַדישע
מיט ברוינע אויגן איז געווען מײַן כלה.
און מאַהאַראַזשאַן, וואָס האָט זי געטריבט מיר,
האָסטו אין שלאָף געקוילעט מיט אַ חלף...

דו האָסט געפירט מיך איבער פרעמדע שטעט,
דורך שמאָלע געסלעך, סודותדיקע טירן...
עס האָט געשמעקט מיט קאַווע און מיט זעט
און מיט דער שרעק פון אינדישע פאַקירן...

דו האָסט גערעדט מיט אַלע פייגל — פייגליש,
מיט מענטשן — מענטשיש און מיט חיות — חיהש.
דו האָסט געקענט די סאַמע פרעמדסטע שפראַכן —
אַמבעסטן אָבער קאַפּריש און מאַלאַיש.

מיך האָסטו אויסגעלערנט מאָהיקאַניש.
איך האָב גערעדט דאָס לשון ווי אַ וואַסער.
און ס'האָט געסיקעט בייז מיין שאַרפע צונג
מיט כעס און האַס צו ווייסטער, ווייסער ראַסע.

געדענקסט די יינגליש-צאַרטע, פריע צייט,
די פראַכט פון פרעמדער, פריילעכער נאַטור?
פּיראַטן, נעגערס, הינדוס און מעסטיצן
פון מיסיסיפּי, באָמביי, סינגאַפּור?

געדענקסט די יינגליש-צאַרטע, פריע צייט,
ווען ס'איז די גאַנצע וועלט געווען נאָך אָפן,
ווען ס'האָט געקרעכצט אין ווינט די שיף און ווייט
געטראָגן אונדז צום „לאַנד פון גוטן האָפן"?

און איצטער, איצטער — איז שוין אַלץ פאַרביי.
ס'וועט גאָר ניט זיין און ס'קען שוין גאָרניט ווערן.
ווער קען דען לייענען נאָך היינט קאַרל מאַי?
ווער רייט מיט פערד צעשוימטע אויף די שטערן?!

ווי ליגסטו גרוי אצינד, דו שטומער שטיין,
דו גריער פלעק פן איינזאמקייט און טרויער!
וואו קלינגט געלעכטער ריין, אן א געוויין?
ווי בין איך גרוי, ווי וועל איך ווערן גרויער!

ווי איז געווען פאנטאסטיש נאך די וואר,
ווען איך האב דיך צום ערשטן מאל געפונען!
פאנטאסטיש: כ׳בין געווען אלט זיבן יאר
און דו האסט נאך געגלים מיט זיבן זונען.

ווי קאלט, ווי סומנע איז איצט דער ארום
(ווי בין איך גרוי! ווי וועל איך ווערן גרויער!)
די נאכט קומט אן. די טייכן שטראמען שטום
צום גרויסן אקעאן פון שטילן טרויער...

דו האסט פארגעסן אלץ (א, טויטער היינט!)
כ׳ווייס ניט, צי זאל איך וויינען אדער לאכן?
דו פארסט ניט מער קיין אינדיע, אלטער פריינד,
און האסט פארגעסן אלע דיינע שפראכן...

דו ברענגסט ניט מער קיין קאווע פון בראזיל,
קיין טיי פון כינע... און אין דיין געליבטן
אצטעקנלאנד איז איצטער טויט און שטיל
ווי אין באמביי, אין קראקע, אין עגיפטן...

נאר איך וויל אויסשטרעקן מיין האנט צו דיר
— ס׳האט קיינער ניט ווי דו מיין הארץ פארשטאנען! —
און ווי א גרויער זעלנער סאלוטיר
איך פאר דעם לעצטן פון די וועטעראנען!

דו וועסט אויך זיין מיין לעצטער חבר. אַך,
ווען ס׳נעמט דער צער זיך אַשיק־גרוי צעצווייגן,
טאָ לאָמיר ביידע לערנען זיך די שפּראַך,
די טרויעריקסטע שפּראַך — פון לעצטן שווייגן...

קרעדאָ

איך קען די פרייד פון רגע׳ס און די לייד פון שעה׳ן,
ווייל כ׳האָב געלאַכט מיט זקנים און געוויינט מיט פרויען.
איך האָב געזען דעם צער, וואָס רינט פון לאַנגע וויעס,
און טעג, צעשמייכלטע צו זוניקע ידיעות.
איך האָב געזען דעם טויט אין צער־פולע העויות
און מיטגעוויינט אויף לאַנגע, טרויעריקע לויות.

איך האָב געוואוינט אין דאָרף מיט ביימער און מיט גראָזן
און כ׳קען די גרויסע פשטות פון די קליינע האָזן,
די טריט פון צאַרטן הירש, וואָס וואַנדלט ווי אַ גרינער
און שטילער אָוונט, וואָס צערינט דיר צווישן פינגער,
די רחבות פון אַ וואָלף און לעצטן פלי פון שוואַלבן —
די פרייד פון ערשטן בלי און טרויער פון פאַרפאַלבן.

נאָענט איז מיר די וואַרימקייט פון הארץ און פראָסט פון שכל,
דאָס רעווען פון דער נויט און ליכט פון קלוגן שמייכל.
פיל קלוגע פרויען זיינען אויף מיין שוועל געזעסן:
די טעג און נעכט, פאַרטראַכט אין טיפקייט פון מעת־לעת׳ן.
איז נאָענט מיר שוואַרצע ערד און גרויקייט פון אַ מויער:
די טיפע פרייד פון זיין און צייטיקייט פון טרויער.

דער סאָד

ר. אייזלאַנדן

אַ, ליכטיק האַרץ, מיט דאַנקבאַרקייט דערמאָן עס:
נאָך טעג פון אומרו, פחד און סכנות
ביסטו דערשוואומען צו דער רו פון גאָרטן.

עס רוישט מיט זאַטער צייטיקייט דער גאָרטן
און קילט מיט פרישע עפּל און מיט באַרנעס.
און ס׳נייגט זיך טיף דאָס גראָז צו טריט פון סאַרנעס,
וואָס וואָגלען זאַנפט און צאַרט ווי שלאַנקע פרויען,
פאַרבענקט צו הייסער ערד, וואָס אָטעמט פאַרנע
מיט פרייד און גאָלד פון זומערדיקע שעה׳ן.

ווען זון פאַרגייט און גרינגער אָוונט בלויט
מיט קילער רו צום פיאָלעט פון קרויט,
ווערט פייכט דאָס גראָז — און פון דיביימער טויט
די שטילקייט — וואָס מיין ערשטע, טיפסטע היים איז,
און ס׳שמעקט די נאַכט מיט צייטיקייט און שלימות.

און ס׳פאַלן דעמאָלט מיט אַ טיף געהיימער
קראַפּט בלויע פירות פון די הויכע ביימער.
ס׳ווערט זים די פרוכט פון שטערן און דער הימל
ווערט טיף און בלוי און גוט ווי ברויט מיט קימל.
און קרוגן ווערן פול און גייען איבער
און ס׳שמעקט מיט זעט און שפע אין די שטיבער...

ווערט טיף די נאַכט, די וועלט ווערט וואונדערלעכער.
די וואָך איז זאַט. און ווי אַ פולער בעכער
מיט טונקעלן ווייַן פאַרנייגט זיך טיף דער פרייטיק.
אַ, ברידער מיינע: לאָמיר ווערן צייטיק!

ביימער

כ׳קען לעבן שטיל און גוט מיט יעדן איינעם —
נאָר ביימער זיינען מיינע בעסטע שכנים.

אויף זייערע האַרטע, זון־געשטרעקטע צווייגן
וואַקסט ליכטיק אויבם און ס׳ציטיקט זיך דאָס שווייגן.

זיי זיינען אַלט און קלוג ווי גרויע אבות,
וואָס טראַכטן טיפע, לויטערע מחשבות.

מעג זיך די וואָך אין זייער האַרץ פאַרפלאָנטן —
ביי זיי איז אייביק פרייד און אייביק יום־טוב.

זיי זיינען זאַט ווי זון־באַברוינטע יאָרן
און ווי דאָס פעלד אין ליכטיקייט פון קאָרן.

כ׳קען רעדן מיט אַ בוים ווי מיט באַקאַנטע
און שמועסנדיק דערלאַנגען שטיל די האַנט אים...

זיי שטיל — און הער, ווי ס׳פאַלט איצט גרינג און מונטער
פון גוטן שטאַם — אַ קערנדיק־געזונטער
עפּל — און שמייכלט קיילעכדיק און רויט.

און ווען פעלט איצט ציטיקייט און ברויט?...

דער שלאָף פון אָדמען

ווי בענק איך נאָכן ערשטן שלאָף,
וואָס אָדם האָט אַמאָל געשלאָפן,
ווען ס'איז די יינגליש־צאַרטע וועלט
געווען פון אַלע זייטן אָפן.

דער שלאָף איז אויפן בוים געהאַנגען
ווי פולע פירות שווער און זאַט.
און מיט בראשית האָט געאָטעמט
די ערד און הימל, בוים און בלאַט.

דאָס זילבער פונעם טאָג האָט יינגליש
געציטערט אינעם וויטן שפיגל.
געוואַלדיק האָט די זון געבלוטיקט
פאַרנאַכט פון פלאַקערדיקן פליגל.

דאָס ווילדע רעווען פון די חיות
האָט טעמפּ געקלונגען אין דער וויט —
און אָדם האָט זיין שלאָף געשלאָפן
אין שאָטן פון דער יונגער צייט.

זיין ווי אַ בוים

זיין ווי אַ בוים: אין גרויסער שטילקייט וואַקסן,
פאַרוואָרצלט טיף אין האַרטקייט פון דער ערד —
און בויען! בויען! ניט ווי יענע וויכערס,
וואָס שניידן צאַרטע זאַנגען ווי אַ שווערד.

זיין ווי אַ בוים: און פילן שוואַרצע נעכט
און ווייסן פראָסט פון לויטערע פאַרטאָגן.
זיין גרוים — און שווייגן ווי אַ שטאָלצער קנעכט
און שווייגנדיק — די שענסטע פירות טראָגן...

דער קראַנקער

מ. ל. האַלפּערנס הייליקן אָנדענק

דער אָוונט איז האַרבסטיק און זיס
ווי מידע, פאַרוויאַנעטע רויזן.
שטעקט דער קראַנקער אַריין זיינע פיס
אין די לאַנג גרוים געוואָרענע הויזן.

און ער לענט אָן זיין קאָפּ אָן די הענט,
ניט צו זען, ניט צו זען מעדיצינען,
און ער האָרכט ווי אויף בילדער פון ווענט
שפינט די שטילקייט אַ שווייגנס מיט שפינען.

און ער חלומט פון קאָרענעם ברויט,
וואָס איז ברוין און מיט קימל געבאַקן,
בשעת ער עסט נאָר שטיקעלעך טויט
מיט די לאַנגע, דורכזיכטיקע באַקן.

גייט ער מיד אויף צעוואַקלטן דיל
און שמייכלט — און ווייס ניט צו וועמען,
און ער פילט, אַז ווי האָניק רינט שטיל
אים דער צער פון די וויעס און ברעמען.

און ער פילט — אַזוי בלייך און פאַרקלערט
אַז די ווידוי איז נאָענט און באַזיגלט.
בלייבט ער שטיין, און אָט שטייענדיק, ווערט
ער אַנדרימלט אין שלעפעריקן שפּיגל.

ביינאַכט

פּאַר ג.

וואָס קען זיין נענטער ווי אַ קליין געוויין אין ליד
און — פּלוצים אין דער נאַכט אַ פּאָר געציילטע טריט
פון אַ פאַרבענקטער, בלייכער, ציטערדיקער פרוי,
וואָס גייט אויף מידע שטיגן שלעפעריק און גרוי.

דו ציטערסט אויף, דו האָרכסט. דו מיינסט: פאַר דיינעטוועגן
האָט זיך צערוישט פון טריט דאָס מאָנענדיקע קלאַפּן,
כאָטש אויף קאַלטע שויבן קלאַגט אַ לאַנגער רעגן,
אַזאַ פאַרלוירענער — די אויסגעוויינטע טראָפּן...

ליד פאַרן אָנקום פון אָוונט

זעט: איך בין צייטיק ווי דאָס זאַטע פעלד
און פול מיט ליבשאַפט ווי אַ שלאַנקער בעכער.
איך בין דאָס בלויסטע זילבער פון די דעכער,
ווען אָוונט אָטעמט פון אַ ווייטער וועלט.

זעט :איך בין גרייט: אַ לייכטער, וואָס פאַרברענט,
און שטילער ווי דאָס שטילסטע גראָז אין תמוז
און פול מיט אומעט, ווי אַן אַלטער מאַמעס
פאַרנאַכטלעך-נאָענטע, פיל-געליבטע הענט.

אַ ליד פאַר מיין שוועסטער סאַליע

פאַר וועמען זאָל איך מיך שעמען,
פאַר וועמען,
וואָס מיין טרויער האָט גרויע ברעמען,
וואָס מיין טאָג האָט בלויע וואָנסעס,
וואָס מיין נאַכט האָט אַ ציגנבערדל,
וואָס ס'ווינטל שפרינגט ווי אַ פערדל
און שפילט מיט בלעטער אין קאָרטן?

פאַר וועמען זאָל איך מיך שעמען,
פאַר וועמען —
וואָס איך וויל מיר אַ שפילעכל נעמען,
וואָס דער מאַי איז גוט ווי אַ קיכל
און שטערן אויפן הימל לייענט מען
ווי מעשות אין אַ קינדערביכל
מיט עקדישן, שלאַנגען, מיט קונצנמאַכערס
און שיפן אין ווייטע פאָרטן?

פאַר וועמען זאָל איך מיך שעמען,
פאַר וועמען,
וואָס ווערטער טראָגן מאָדנע נעמען
און וואָס די ברידער גרים מיט פאַן טוואַרדאָווסקי
זיינען געקומען אויף אַ קאָטש צו פאָרן
מיט אַ שוואַרצן קאָטער און אַ גילדן טשוועקל —
און האָבן געבראַכט אין אַ זיידן פעקל
מיינע נאַרישע, נאַרישע קינדעריאָרן?...

דאָס איז דער אָוונט

דאָס איז דער אָוונט: שטילער, אָנגעלענטער
ווערט גאָר די וועלט און יעדעס האַרץ קלאַפּט נענטער,
און מידער ווערט אין בלוט דער גאַנג פון טראָפּנס
און גרוים די שטילקייט, וואָס ליגט מיר צוקאָפּנס.
ווייל כ'האָב געטאָן דאָס ווערק, וואָס האָט באַפוילן
דאָס גרויסע ליכט, וואָס ליגט אין מיר פאַרהוילן.
און טיפער נייגן זיך די האָריזאָנטן
אין גרויסער בלויקייט צו דעם אומבאַקאַנטן
און שטילן גאַסט, וואָס בינדט צונויף די גאַרבן.

דאָס לעבן ווערט געהייליקט נאָר פון שטאַרבן...

מיט ליבשאַפט רינט די שטילקייט פון מיין וויע.
טאָ גרייט דיך, האַרץ, צו טונקעלער נסיעה!
און שמייכל טיף מיט דרעמלענדיקע אויגן
צום זאַטן האַרבסט און צו די פולע סטויגן
און צו דעם טויט, וואָס האָט זיך ניט פאַרשפּעטיקט,
ווי אָט דער סאַד, וואָס אָטעמט טיף, געזעטיקט
מיט צייטיקייט און זון — און וויל שוין שלאָפן...
דאָס איז דער אָוונט.

א י ד

ווי גרינג איז מיר, ווי וואויל איז מיר, ווי גוט,
וואָס קיינער טוט נישט אוים פאַר מיר דעם הוט,
ווען ס׳וואָגלט פריי אין שטויב פון גאַס מיין פוס!
וואָס ס׳וואַרטן ניט אויף רוישנדיקע שוועלן
ביי גלאַנצנדיקע פירהענג פון האָטעלן,
און נישט ביים רויטן סאַמעט פון פּאַטעלן
די שטייפע קעלנערס מיט אַ גרייטן גרוס.

און כ׳גיי מיר אויף די גאַסן פראַנק און פריי
און כ׳זינג אַ לוסטיק ליד און גיב אַ שפּיי
די לעצטע רעשטלעך פון אַ ציגאַרעט.
און ווער — אויב ניט פויערים אין די שענקען,
וואָס לעכצן אין די ווינטער-נעכט און בענקען,
אויף לאַנגע יאָרן וועלן נאָך געדענקען
די מעשות פון אַ . . . יידישן פּאָעט ? !

און מיר איז גוט, וואָס כ׳גיי מיר פול מיט פשטות
צום ברעג פון בלויען האָריזאָנט — אַ פּינטל.
וואָס כ׳האָב דערפילט דעם טיפסטן סוד פון ווינטל,
פון וואָרצלענדיקער ערד און בידנעם גראָז,
פון טעג, וואָס זיינען פול און זאַט ווי האָניג
און צייטיק ווי די מיטאָג-צייט אין סאָדן
און גוט ווי פרומע אויגן פון אַ האָז!
און לייכט דען ניט אין אויפגלי פון מיין בליק
דער צער פון מעסער-שטעכערס און גזלנים,
וואָס וואוינען פינצטער אונטער שוואַרצער בריק ? !

און ליגט דען נישט אין קנייטשן פון מיין פנים
די זריעה פונעם גוטן און פון שלעכטן ? !
און בין איך ניט אַצינד ווי איר אַ שטיק
פון זון און ניט אַ גרודע פון דער ערד,
וואָס טראָגט אויף זיך דעם רשע און גערעכטן ? !

ווי גוט איז מיר, ווי גוט איז מיר, ווי גוט,
וואָס ס'רינט און ברויזט און וויכערט אין מיין בלוט
אַ ווילדער צער און מילדע פרייד פון דורות !
וואָס כ'טראָג אויף מיינע נידעריקע פּלייצעס
די קאַלטע שרעק און וואַרגנדיקע מורא'ס
און יום-טובדיקן שימער פון מנורות,
וואָס אָטעמט שטיל אין צימער צאַרט ווי זייד
און גרויע טעג פון האַנדל און פון וואַנדל,
ווי אַלע, אַלע מענטשן פון מיין צייט.

און גוט, וואָס ס'צוקט אין צאַרטקייט פון מיין וויע
דער גוטער, נאָענטער, פּערלדיקער אָוונט
דין ווי אַ צאַרטע, פלאַטערדיקע טויב.

וועל איך צעשלייפן נאָך אַמאָל די וועגן,
וואָס הילן זיך אין גליענדיקן שטויב !
גיין נאָך אַמאָל דעם וועג, וואָס כ'בין געגאַנגען !
ווייל כ'האָב געוואונען פיל און פיל פאַרלוירן,
ווען כ'בין אַדורך דורך אָונטיקע טויערן
פון וועלט, דורך שטילע, אָונטיקע טויערן . . .

אין אַ שווער־דערגרייכטער שעה

אָ, צינדט מיר אָן צוויי ווייסע לעכט,
צוויי ווייסע לעכט אין שוואַרצע לייכטער!
און לאָזט מיך גאַנץ אַליין, דעם קנעכט,
אין אָט דער שעה, דער שווער־דערגרייכטער!

אָ, לאָזט מיך, לאָזט מיך גאַנץ אַליין,
ווי כ'בין געווען דאָס גאַנצע לעבן.
גאַל און געלעכטער און געוויין
האָט מיר איעדער פריינד געגעבן.

און איצטער וועל איך זיך מיט זיי
געזעגענען ווי מיט באַקאַנטע —
מיין טרויער וועט זיין שטיל ווי שניי
און ריין ווי בלויע האָריזאָנטן.

איך ווייס: איך בין געווען אייך פרעמד
און כ'האָב אייך שטענדיק אויסגעמיטן,
כאָטש ס'האָט גענעצט מיט בלוט מיין העמד
פון האַרץ, וואָס ס'האָט דער צער געשניטן.

ווייל ס'לעבן איז געווען מיר שווער
און ס'האָט די גאַנצע וועלט, די גרויסע,
געהאנגען ווי אַ פולע טרער
און מיד געשמייכלט ווי אַ גוסס.

און כ'בין געגאַנגען שטיל-פאַרקלערט
אַריין אין זיך, אין זיך פאַרלוירן,
ווי ס'גייען דרימלענדיקע פערד
פאַרנאַכט, דורך טונקלענדיקע טויערן.

איך ווייס ניט, ווער עס איז גערעכט
געווען: צי איר, צי איך, ציביידע?
נאָר כ׳וועל ניט לייקענען דאָס רעכט,
וואָס איר, נאָר איר האָט צום גן־עדן...

נאָר איצטער לאָזט מיך, לאָזט אַליין
אין אָט דער שעה, דער שווערער־גרינגער!
כ׳וויל גאַנץ אַליין זיין, גאַנץ געוויין
און נאַכט, וואָס ציטערט אויף די פֿינגער.

זאָל איבער מיר זיך בלויז די קלאָג
פֿאַרנייגן, שאָטנדיק פֿאַרזונקען,
ווייל ס׳האָט פֿאַרגעסן מיך דער טאָג
און ס׳האָט די נאַכט מיך אויסגעטרונקען.

נאָר צינדט מיר אָן צוויי ווייסע לעכט,
צוויי ווייסע לעכט אין שוואַרצע לייכטער —
און לאָזט מיך גאַנץ אַליין, דעם קנעכט,
אין אָט דער שעה, דער שווער־דערגרייכטער.

װערטער

װי סומנע זענט איר, װערטער, אין די װערטערביכער,
װי זעלנערס אין קאָלומנעס גלייכע אויסגעשטעלט!
פאַרגװילעמט גלאָצן „װיעס" ביי דעם „װאָרט" און „װיכער" —
סימבאָלן טויטע פון דער ברוזנדיקער װעלט!

העי, ברעכט אַרויס פון שורות, ברעכט אַרויס! צעשמעטערט!
און לאָזט אייך מיט שגעון אין אַ װילדן טאַנץ!
צעכראַסטעט אייך! װערט מענטשלעך־נאַקעטיק, אַנטגעטערט
און זים צעגיסט אייך אינעם מויל װי אַ מאַראַנץ.

אַרויס אין אַ געװיר און װילדע קאַראַהאָדן,
צעקלינגט אייך גלעקער, שטאַרק און ריטמיש טאַנצט צום טאַקט,
צעבליט אייך, װי די קאַרשן דאָרפיש אין די סאָדן
און בריט װי בלויער פראָסט, װען װינטער ברענט און קנאַקט!

צעבליט אייך און צעװאַקסט מיט שמחה, מיט געדעכטער,
צעפלאַקערט אייך װי שטאָל און טוט אַ ברי װי בליץ!
העי, בלאָנדער שמייכל דו — צעװאַקס דיך צום געלעכטער
און קייקל דיך און שטיק דיך פונעם בעסטן װיץ!

איר, פונעם מענטשן־פלייש, איר לעבעדיקסטע שטיקער,
איר אַקראָבאַטן טאַנצנדיקע אויף דער ליפּ!
װי גוטער שאָם פון ביקסן גיט אַ טרעף צום עיקר
און פאַלט אַריין װי דונערס אין דער זיב'טער ריפּ!...

פליט גרינג, פליט גרינג אַרויס, װי װיעסנעדיקע שװאַלבן,
און בליט אויף יעדנס ליפּן פרילינגדיק און זים.
און װעט איר אָנהייבן צו װיאַנען און פאַרפאַלבן,
פאַלט צו דער ערד — איך זאָל אייך טרעטן מיט די פים!

און איצטער שטילער, שטילער, פליסנדיקע ווערטער:
פון אַלע ביימער טריפט די בלויקייט פון פאַרנאַכט...
פאַרחלומט אייך, ווערט שטילער, ווייכער און פאַרקלערטער,
ווי סאַמעט־ווייכע טייכן אין אַ מידער נאַכט.

און נאָכדעם — וועקט אייך אויף! און ווידער פריש און ניכטער
דער מאָרגן קומט! אַרויס! די פינצטערניש צעפּראַלט!
צעקלינגט אייך ווירטואָזיש ווי אַ פידל־דיכטער —
און וואָיעט ווי אַ פינצטער וואָיעדיקער וואַלד...

זייט צאַרט ווי מידע מיידלעך, פּערלדיק ווי טויען,
ווי פוקסן כיטרע, אָנגעכמאַרעט ווי דער חשד.
זייט היים און בייגעוודיק ווי גלוסטנדיקע פרויען
און ווי דער פּוך פון פלאַטערלינגען דעליקאַט.

און איצט — ווערט ווידער מעכטיק! וויכערט ווילד און ברויזט
און ווימלט ווי אַ סטאַדע אויפגערייצטע שקלאַפן!
באַווייזט די קראַפט פון וואָרט (אַ וואָרט איז אַ פויסט).
געדענקט: בלויז מיט אַ וואָרט האָט גאָט די וועלט באַשאַפן!...

דער הייליקער פראַנציסקוס פון אַסיסי

דער הייליקער פראַנציסקוס פון אַסיסי טראַכט:

אַ שטילע טרער
אין אויגן פון פערד —
ווער
אויף דער ערד
קען זיין טיפער און מער?
ווער?

דער הייליקער פראַנציסקוס פון אַסיסי זאָגט:

איך האָב ניט געקריצט אין זאַמד דעם נאָמען „אייביקייט״,
איך, מינדסטער שטויב פון מידנסטער שטויביקייט!
אָ, גלויב:
ס'איז אייביק נאָר די שטילקייט פון אַ טויב
און די פשטות פון אַ דערפל.

דער הייליקער פראַנציסקוס פון אַסיסי זינגט:

אָ, דו טיפער שלייער!
אָ, דו טיפע נויט!
איך האָב געזען דאָס לעבן,
איך האָב געזען דעם טויט,
און כ'ווייס ניט, ווער ס'איז דאָס לעבן
געווען, און ווער דער טויט...

די מעשה וועגן אַ פיש, וואָס האָט געדאַוונט צו גאָט

ס'האָט היינט אינעם פּראַסטיקן מאָרגן
אויפן קרעמערס צעבלוטיקטן טיש
פּאַר שרעק און פאַר צער זיך געוואָרפן
אַ דין־צעזילבערטער פיש.

געוואַלטיק האָט אויף אים געדונערט
די האַק — ווי אַ שטאָלערנע רוט
און ער — האָט פּאַר שרעק און פאַראַכטונג
געפּלעקט מיט זיין רויט־קאַלטן בלוט...

און מאָדנע, מאָדנע, ווי רואיק,
ווי זיס, ווי מילד און ווי זאַנפט
האָט זיין קינדיש אויג זיך פאַרחידושט
אין שטאָלערנעם רעגן פון קראַמף.

נאָר ווען ס'האָט דער קלאַפּ אויפן קאָפּ אים
צעהאַקט און צעבלוטיקט זיך — האָט
דער זילבערנער פיש זיך צערעוועט
אין זיין שרעקלעכער שטומקייט צו גאָט...

און שפּעטער, פאַרנאַכט, איז געזעסן
באַ שבת־געהייליקטע לעכט
מיין מאַמע — און פריילעך געגעסן
מיט מיר אַ געפעפערטן העכט...

די פּאַסאָליע

איצט זאָל מיין וואָרט גיין ערנסט און פּאַוואָליע,
ווייל כ׳זינג אַ ליד לכבוד אַ פּאַסאָליע...

ווען די פּאַסאָליע ליגט אין שמאָלע שויטן
(ווי איז איר ווערן קינדיש ליב און שטיל)
בליט יונגע פרייד און פּשטות אויף די פלויטן,
וואָס זיינען אַלט און קלוג — און טרוימען פיל.
דיין טרויעריק האַרץ ווערט פריילעכער און העלער,
ווען זי צעקלינגט זיך אויף אַ ווייסן טעלער...
דער הימל האָט זיך שטיל אַראָפּגעבויגן
און קוקט אויף איר מיט גוטע, גרינע אויגן.
און זי — זי שמייכלט ווייס און שטיל ווי שניי
און שיין אַזוי, אַז עס טוט איר וויי...

ווער ס׳וויל מעג לויבן גרויסקייט און בהלה —
איך זע די גרויסקייט נאָר — אין אַ פּאַסאָליע...

ווער ס׳וויל, מעג לויבן גרויסקייט און בהלה —
האָט ניט קיין האַרץ, וואָס איז פון זון צעהעלט,
דער ווייס ניט, וואָס ס׳איז פרייד און וואָס איז שיינקייט
און פאַרוואָס ס׳האָט באַשאַפן גאָט די וועלט.
ווייל אין דעם קליינעם קערן איז פאַרבאָרגן
דער זין פון נעכטן, היינט און איבערמאָרגן:
זיין קליין און שיין און שטיל און גאָרנישט וועלן,
ווי זיך מיט פרייד און אייביקייט צעהעלן.

טאָ זיי איצט קלוג — און גיי אַרוים פון סאָד —
און זאָל צו גוטסקייט פירן דיך דיין טראָט...

ס׳געלעכטער פון פייגל איז טויט

ס׳געלעכטער פון פייגל איז טויט
(ס׳האָט דער גילדענער טאָג זיך פאַרשפּעטיקט)
און ערד איז געטונקלט ווי ברויט,
מיט די צייטיקסטע האַרבסטן געזעטיקט.

אָ, האַרץ מיינס, וואָס ביסטו אַזוי
פאַרקלערט און געבלייכט פון באַדויער?
ווער קען דען די גרעניץ, וואָס שניידט
די קרייזן פון פרייד און פון טרויער?!

נאָך ציטערט מיט ווילדגענדז די לופט
און וויגט זיך אויף בלומען און פאַרבן —
צי הערסטו ניט ס׳לעבן, וואָס רופט,
דאָס לעבן אין אָטעם פון שטאַרבן?

ווייל לעבן און טויט זיינען איינס:
אַן אָטעם... אַ ציטער... אַ בענקען...
וואָס דאָס איינע נעמט דיר אַוועק,
וועט דיר תמיד דאָס אַנדערע ברענגען.

ס׳האָט ניט קיינער דאָס לעבן דערהויכט
און דעם טויט וועט ניט קיינער באַצווינגען:
זייער גליוועך און אָטעם איז בלויז
איין רינג אין געפלאָכטענע רינגען.

איז פאַל איצט פאַר פרייד אויף די קני,
פון דער גרויסער דערקענטניש געזעטיקט:
ס׳קומט צום לעבן ניט קיינער צו פרי,
ס׳האָט זיך קיינער צום טויט נישט פאַרשפּעטיקט...

צוויי טונקעלע פערד

(מלך ראַוויטש)

צוויי טונקעלע פערד,
טונקל און שטיל ווי די האַרבסטיקע
ערד,
וואָס האָט געגידערט אַראָפּ פון דעם
באַרג,
ווי פון אַ ווייטן, אַן אָפענעם הימל, —
אין שווערן געשפּאַן, אין האַלב־שלעפריקן דרימל,
האָבן געגענט ווי צוויי טונקעלע נביאים
וואָס קערן זיך אום פון אַ שטויביקן
וועג.
און זיי האָבן געבראַכט
אַ צייטיקע זעט און אַ גרויסן פּאַרנאַכט
און ריחות פון אויבס און סודות פון
היי —
און אַ היימישן סקריפּ פון אַ וואָגן.
אָ, הייליקע פּראַצע.
די וועלט הייבט אָן טאָגן.

חומש

דער ל זעט אויס ווי אַ קעמל,
אויף אים רייט אברהם אַרויס פונעם זוניקן לאַנד,
און דער צ — אַן אמתער צדיק,
גייט אים נאָך און האַלט דעם וואָוו, ווי אַ שטעקן אין האַנט.

און שרה איז שיין ווי די וועלט
זי טראָגט אויפן קאָפּ פון אַ ש — אַ דימענטענע קרוין,
און אויפן פּ, ווי אויף אַ פייפערל —
זינגט יעקב זיינע פאַרבענקטע פּאַסטעכער-לידער אין פלוין.

זיי גייען אַצינדער אין מידער אַטלעס-גלאַנץ
ווי גרויע לעבנס, ווי פאַרצייטיקע לעבנס,
אַראָפּ קיין סאַנדז, צו מיין רבין.

זיי וועלן מיך אַלע פאַרהערן, צי כ׳קען שוין „ויקרא״,
דער הימל איז שטיל, און אין צער איז פאַרהוילן די ערד.
מיין טאַטע איז בלאַס,
מיין מאַמע וויינט.
און מיין זיידנס באָרד איז מאָדנע לאַנג,
און אין מאָדנעם טרויער פאַרקלערט.

II

אמעריקע

אויף נאָרפאָלק סטריט, אויף הענרי סטריט...

אויף נאָרפאָלק סטריט, אויף הענרי סטריט . . . דאָ גיי איך,
ווי צווישן פרעמדע שבטים פון האיטי.
איז דאָס מיין פאָלק? מיין גורל? איז דאָס מיין שפּראַך?!
אַ ווערטער גרויע, ווערטער לאַנג פאַרבליטע!

אַ טלית גלאַנצט דורך ווייַנענדיקע שויבן
פון טונקעלער קראָם. און ס׳גרויט אַן אַלטער סידור
מיט עברי־טייטש, מיט ענגליש און מיט טרויער.
(אַ גאָט, פאַר וועמען שרייב איך מיינע לידער?)

אַ גאָט, פאַר וועמען ווייטאָגט איצט מיין וואָרט?
פאַר וועמען זאָל עס איצט זיין האַרץ אַנטבלויזן?
אויף לאַנגע שטריק אין זשאַווערדיקע הויפן
גלייכגילטיק הענגען מידע אונטערהויזן . . .

דאָ האָט מיין פאָלק זיין לעצטע שלאַכט פאַרלוירן.
אַ לאַנד פון צער! אַ מלכות פון פאַרדאַרבן!
פאַראַבלט בייג איך איין דעם קאָפּ: איך ווייס:
דאָס איז מיין שטאָט, מיין לעבן, און מיין שטאַרבן . . .

איך בין דאָ צווישן אייך דער קלענסטער

(אַנאַ מאַרגאָלינס אָנדענק)

איך בין דאָ צווישן אייך דער קלענסטער,
אין אייגענעם צימער — נע ונד.
כ׳קוק דורכן רוים, ווי דורך אַ פענצטער
מיט שרעק און נאָגנדיקן חשד.

פון שטויב פון שטראָז דאָס גראָז ווערט גרויער
און ס׳טונקלט שוין מיין לעצטער חוש,
ווי ס׳האַרץ וואָס לעבט פון ברעקלעך טרויער.
מען קען מיך טויטן מיט אַ קוש!...

דאָס איז דער האַרבסט

דאָס איז דער האַרבסט —
ער וועט דיר דאָס האַרץ צעברעכן.
(פר. ניטשע)

דאָס איז דער האַרבסט אויף דער וואָל־סטריט,
אַ האַרבסט וואָס קיינער באַדאַרף נישט.
בלעטער פאַלן פון בוים,
בלעטער, וואָס קיינער באַדאַרף נישט.

דאָס איז דער האַרבסט אויף דער וואָל־סטריט,
אַ האַרבסט וואָס חלומט ניט, וויינט נישט,
ס׳באַדאַרף אים אַ פּאָעט
פאַר אַ ליד — וואָס קיינער לייענט נישט.

דערציילט מיר ניט פון קיום און פון האַפט

דערציילט מיר ניט פון קיום און פון האַפט:
ס׳גייט אוים אין פראָסטן לאָמפּ דאָס ביסל נאַפט.
פון אומות מעכטיקע ווערט אַש און חורבן.
טימור און צעזאַר זיינען אויסגעשטאָרבן,
ווי ס׳שטאַרבט אַ קראַנקער הונט, וואָס עסט פון רינשטאָק.
צו וואָס דער גאַנצער טומלענדיקער בינשטאָק!

דערציילט מיר ניט פון קיום און פון האַפט.
מיר האָט די טיפסטע פרייד פון זיין פאַרשאַפט
אַ טשווירקענדיקער, גרויער וואָראָביי,
וואָס האָט געהיפּט מיט נאָך אַ צוויי צי דריי
מיט־פייגעלעך אין סאַמע מיט פון גאַס
און איז געווען פול מיט ערנסט און מיט שפּאַס.

איר רעדט פון קיום — און איר רעדט פון באָמבעס.
פון רוים, ירושלים און ניו־יאָרק
ווערט אַש און רויך אין טויטע קאַטאַקאָמבעס.
און ער, דער וואָראָביי, האָט אויסגעטשווירקעט
זיין ליד און איז — אַ מייסטער אין אַנטלויפן —
אַוועקגעפלאַטערט חנעוודיק און גרינג,
און איצטער טשווירקעט ער אין אַלע הויפן.

דערציילט מיר ניט פון גאַנג צו דער לבנה,
איר חוצפהדיקע שפּאַלטערס פון אַטאָמען!
פון אַלע הערצער רעוועט עס: סכנה!
אויף די פּלאַנעטן גרייט איר שוין פּאָגראָמען!

איר האָט געלאַכט פון קינדער און פּאָעטן,
וואָס האָבן טיף געטראַכט פון לבנות און פּלאַנעטן,
איר אָפּגרונט-טיפע, גרויסע וועלט-פאַרשטייער!
און היינט זענט איר געוואָרן גאָר די טרוימער
און לבנה-גייער!

איר רעדט פון האָפט און קיום, און ערשט נעכטן
האָב איך געזען אַ גאַנצע וועלט אייך שעכטן,
אַז ס'שפּריצט נאָך איצט דאָס בלוט פון אייער מעסער.
פרעגט זיך ביים וואָראָביי:
דער וואָראָביי וויים בעסער.

אין גרויען הויף פון יידישן וואָרט

אין גרויען הויף פון יידישן וואָרט
גיי איך אַרום ווי אַ הינדל.
גיב איך אַ פּיק אַ קליינינקן קערן,
מיין איך, אַז דאָס איז דער ליכטיקסטער שטערן.
דערנאָך טו איך קוואָקען מיט שטאָלצן געשריי,
ווייל כ׳פּיל: אָט־אָט — לייג איך דאָס גילדענע איי.
לאָזט די מעשה זיך אויס מיט אַ בוידעם.
גיב איך אַ זיפּץ (שוין שטילער): אַי־וויי,
און כ׳לייג מיר פּשוט — אַ פּשוט איי
און שוין.
מ׳וועט מיר ניט געבן דערפאַר קיין גילדענע קרוין.

אין גרויען הויף פון יידישן וואָרט
טו איך וואָרקען אַזוי ווי אַ טויב.
וואָס וואָרקעט אַ טויב? „איך גלויב״.
נאָר צי גלויב איך? און ווי קען מען גלויבן,
אַז ס׳ליגט שוין דאָס לעבן אַ שטויב צווישן שטויבן?!
טו איך דאָס זעלבע, וואָס ס׳טוען
מיינע פריינד, די שטילע פּאָעטן,
וואָס שניצן טערצינען און שלאַנקע סאָנעטן,
און כ׳זינג
אַ געזאַנג צום הייליקן שקר.

אין גרויען הויף פון יידישן וואָרט
בין איך אַ הונט אַ געטרייער,
וואָס לעקט יעדן רינג פון דער „גאָלדענער קייט״
און היט ס׳דאָברע־מזל פון פייער,
כאָטש לאַנג, ווי עס קומט ניט קיין פייער
צו אונדזער חרוב געוואָרענעם שייער,
און לאַנג ווי אַ בליץ טוט ניט פאַלן

אויף אונדזערע ליידיק געוואָרענע שטאָלן,
און ס׳קומען צומאָל ניט
אַפילו די קלענסטע גנבים.
מאַך איך אַן אָנשטעל,
אַז זיי קומען יאָ —
און כ׳ביל מיט אַלע דאָרפישע כלבים...

אין גרויען הויף פון יידישן וואָרט
וואָס בין איך?
אַ הינדל, אַ טויב און אַ הונט.
און ווייל כ׳בין אַ הינדל, איז טאַקע צרות:
אַז מען דאַרף מיך אַפילו ניט אויף כפּרות!
און ווייל כ׳בין אַ טויב,
וועל איך אַראָפּפאַלן ווענם פון אַ פענצטער,
ס׳וועט מיר רינען בלוט פונעם שנאָבל
און כ׳וועל ווערן אַ רויב
אינעם שטויב
פון די אויטאָס און ניו־יאָרקער גאַסן.

און ווייל כ׳בין געווען אַ הונט אַ געטרייער
און געצאָלט דעם אַרבעטער־רינג פּינקטלעך מיין שטייער,
וועט מען מיר מאַכן אַ רעכטע לויה.
און אין אַ טרומנעלע וועט מען מיך פירן
צו מאַני לייבן
און משה לייבן —
און דאָרט וועל איך ליגן מיט די גרעסטע לייבן.
און דאָרט —
אויפן הייליקן אָרט,
דעם שטילן, דעם טרערן־באַנעצטן,
וועל איך היטן דעם לעצטן,
דעם לעצטן הויף פונעם יידישן וואָרט.

די באַלאַדע פון מאַנהעטן

וואָס האָסטו געזען אין מאַנהעטן דער שטאָט,
אין דער שטאָט פון דעמאָנען און געטער?
— אין אַ הויף פון אַ הויז האָט אַ בוים זיך צעבליט
און צערעגנט מיט קנאָספּן און בלעטער.

וואָס האָסטו געפילט אין מאַנהעטן דער שטאָט,
אין געראַנגל פון בלוטיקע שלאַכטן?
— כ'האָב געפילט ווי אַ בוים האָט צעשמייכלט זיך טיף
אין באַרואיקטע, בלויע פאַרנאַכטן.

וואָס האָסטו געפילט אין מאַנהעטן דער שטאָט,
אַ, גייער פון טונקעלע וועגן?
— כ'האָב געהערט, ווי דער בוים האָט צעוויינט זיך ביינאַכט
און געשריגן צום האַרבסטיקן רעגן.

אינעם יאָך, אינעם קאָך, אינעם בראָך פון דער שטאָט
וואָס האָסטו דערקענט און פאַרשטאַנען?
— אין דער מיט פון דער וועלט וואַקסט אַ ריזיקער בוים,
וואָס מוז בליען און וואַקסן און וויאַנען.

נאַכט און נעפּל אויפן האָדסאָן

מע זעט דאָ גאָרניט מער: נאָר ליכט און נעפּל.
די בריק פאַרשווינדט. און קליינע לעמפּלעך שפּראָצן
פון איר צום שטילן שלעפעריקן האָדסאָן,
וואָס וויגט זיך אין אַ לאַנגער, מילדער גרויקייט.

מען זעט דאָ גאָרניט מער: נאָר ליכט און נעפּל.
דער נעפּל וואַקסט. אַ ליכט בליט אויף. עס לעשט
זיך אינעם ווייכן, שמעלצנדיקן מעש
פון טייך, וואָס וויגט זיך אין אַ מילדער גרויקייט.

מען זעט דאָ גאָרניט מער: נאָר ליכט און נעפּל.
און איך בין אויך, מיין גאָט, בלויז ליכט און נעפּל,
פאַרהוילן צווישן יידישע פּאָעטן...

און ווער וויים, וואָס די צייט וועט פון מיר קנעטן
און פון מיין גרויסן צער; צי ליכט, צי נעפּל —
ביים האָדסאָן-ברעג, וואָס שניידט זיך דורך מאַנהעטן?

אין האַרטן ברעג פונעם לעבן

אין האַרטן ברעג פונעם לעבן
האָט דער מינדסטער שאָרך מיך אַנטמוטיקט.
אָבער אין שלאַכטפעלד פון לידער
האָב איך געקעמפט און געבלוטיקט.

פאַרעקשנט, האַרט און פאַרביסן,
האָב איך געדונערט מיט באָמבעס,
פון אָנגעצונדענע ווערטער
אויף הערצער ווי קאַטאַקאָמבעס.

כ׳האָב זיך געמיט און געראַנגלט
אַפילו מיט וויגציקסטע טראָפן!
און נישט געזוכט האָב איך קיינמאָל
קיין אָפּרו אין שטילקייט פון האָפן.

אַפילו אין שעהן פון יאוש
האָב איך נישט פאַרלוירן דעם האָפן.
אָן אָפּרו בלויז האָב איך פאַרגינט מיר
אין שמאָלע הפסקות פון סטראָפן...

און כאָטש כ׳בין געווען פון די שוואַכסטע,
האָב איך געקעמפט — ווי דער גרעסטער.
און כ׳האָב נישט קיינמאָל פאַרלאָזן
די האַרטע מויער פון פעסטונג.

צי האָב איך געוואונען? — איך ווייס נישט.
כ׳ווייס נאָר, כ׳האָב געשלאָגן זיך מוטיק —
כאָטש ס׳האָט די ברוסט און דאָס האַרץ מיר
אויף ווערטער, ווי צלמים, געבלוטיקט...

עלעגיע אויפן האָדסאָן

וואָס ציטערסטו, האָדסאָן באַרוטער,
מיט דינעם דעמער פון זילבער?
פּאַר וועמען צערטלט
דיין ציטריקע פּאַליע
דעם ברעג מיט גרין-גאָלדענע גראָזן?

אויף דיינע ברעגעס האָט מען
געשאָכטן אינדיאַנישע שבטים,
אויף דיינע ברעגעס האָבן
קינדער געשריגן צו גאָט!

וואָס ציטערסטו, האָדסאָן באַרוטער,
מיט דינעם דעמער פון זילבער?

איך וואָגל ביי דיינע ברעגעס,
אַן אייביקער וואָגלער,
און כ׳גאַף אויף דיביימער, וואָס שטייען
ווי הייליקע הירשן.
זיי טרינקען
דאָס בלויע וואַסער פון אָוונט.

איך קום פון דער וויַיטנס,
איך קום פון די ברעגעס פון וויַיסל.
דאָרט האָט מען געשאָכטן מיין שבט,
דאָרט האָבן קינדער
ביינאַכט געשריגן צו גאָט!

וואָס ציטערסטו, האָדסאָן באַרוטער,
מיט דינעם דעמער פון זילבער?
פאַר וועמען צערטלט
דיין ציטריקע פאַליע
דעם ברעג מיט גרין־גאָלדענע גראָזן?

ווערט איינמאָל שפּרייזן אַ וואָגלער
ביים גרינעם ברעג פון דער וויסל
און גאַפן, ווי איך, אויף די ביימער,
וואָס שטייען
ווי הייליקע הירשן
אויף וויטע, גרין־גאָלדענע גראָזן?

און ווערט אויך די וויסל
צערטלען מיט ציטריקע פאַליעס
די ברעגעס,
וואו מ׳האָט געשאָכטן מיין שבט,
וואו ס׳האָבן געקוילעטע קינדער
ביינאַכט געשריגן צו גאָט?

וואָס קלאָגסטו, פאַרהוילענער האָדסאָן,
דאָס אייביקע
וויליד
ביינאַכט, ווען ס׳רוישן די שטערן?

דער פּאָעט און דער פרילינג

איז וואָס, אַז כ׳בין שוין דער לעצטער,
איז וואָס, איז וואָס, איז וואָס?
עס בליט נאָך מיט טויאיק-באַנעצטער
פּשטות דאָס אייביקע גראָז.

דאָס גאָלד, וואָס בליט אויף די דעכער,
בליט אויך אַצינדער פאַר מיר.
די זון אין אַ גילדענעם בעכער
ברענגט האָניג אַריין דורך מיין טיר.

מיט אויפגעפּראַלטע כוחות
גייט אויף די ערד ווי אַ שווערד.
אָ, לאָזט מיך בליען היינט אויכעט,
זיין ווידער אַ שטיק פון דער ערד.

אַ פּאָעט איז אַן אויבסבוים, אָ, ברידער,
און טראָגן מוז ער פּרוכט.
און איך מוז בליען מיט לידער,
כאָטש ס׳האָט זיי ניט קיינער פאַרזוכט.

און ס׳וועט שוין ניט קיינעם דערפרייען
זייער שווערד-געשניטענער קלאַנג —
(איך בין אויף מיין יורש׳ם לויה
געגאַנגען שוין לאַנג, אַזוי לאַנג).

אויף פעלדער קלאָגן די מתים
און ביי מיר איז זוניק און שטיל.
דאָרט דעמערן חורבות — איך וויים עס —
נאָר ביי מיר אין האַרץ זינגט אַ גריל.

זי זינגט ווי אונטערן אויוון
דער אויוון איז מער שוין ניטאָ).
איז טאָר איך ניט זינגען און לויבן
דאָס לעבן אין ליכטיקער שעה?

ניט גיין מיט טויאיק באַנעצטער
פּשטות פון אייביקן גראָז?
איז וואָס, אַז כ'בין שוין דער לעצטער?
איז וואָס! איז וואָס! איז וואָס!...

איינזאַמקייט

צו וואָס זאָל איך גלייכן דעם אומעט?
כ'וועל אים גלייכן צום אומעט אַליין,
ווען ער קומט אין בלויע פאַרנאַכטן,
אין פאַרנאַכטן פון שרעק און געוויין.

ווען ער קומט אין בלויע פאַרנאַכטן
נערוועז און צאַרט ווי אַפּריל,
און זעצט זיך פאַרטראַכט מיר צוקאָפּנס
און זעצט זיך מיט מיר אויפן דיל.

כ'וועל אים גלייכן צום הונט, צום געטרייען,
וואָס האַלט וואַך אויף דער שוועל פון מיין הויז
און קוקט מיט פיל־אויגיקן לויער,
אַז די איינזאַמקייט זאָל ניט אַרויס.

אָ, איינזאַמקייט טונקעלע און טיפע,
וואָס טרייסט מיך מיט צערטלעכן גלעט!
זי וועט מיר אויך אָנצינדן בלייכע
ליכט אויף מיין טויטנבעט.

כ'וועל אים גלייכן צו יענעם טויטן,
וואָס ליגט שטום אינעם לעצטן אַליין,
אַליין אין בלויע פאַרנאַכטן,
אין פאַרנאַכטן פון שרעק און געוויין.

טויבנשטיל

כ׳וואָלט וועלן זיין אַ זקן, מיד און טויבנשטיל,
די שטורעמדיקע טעג אויף ווייכע רו פאַרבייטן.
מיט אייניקלעך זיך זעצן אויפן האַרטן דיל
און מעשהלעך דערציילן פון פאַרהילכטע צייטן.

די אוונטיקע זון זאָל מיט אַ מידן ברען
באַגילדן מיר מיין שטוב (ווי וואונדערלעך דער לוין איז ! ...)
כ׳וואָלט זיך געזעצט צום טיש מיט אַ געשניצטער פען
און אָנהייבן שרייבן ס׳לעצטע ווערק : „זכרונות״ ...

און כ׳וואָלט געשמייכלט : העי, בין איך געווען אַ יונג !
אַ חוצפּהניק אַ ווילדער (כאָטש אָן באַדייטונג)
געוואָרפן מיט די הענט, געמאָלן מיט דער צונג,

און דווקא זיך געשטופּט, געדרוקט זיין אין אַ צייטונג —
כאָטש נעם מיך און צעהאַק ! (שוין אַזאַ מאָדנער שכל) — —
און כ׳וואָלט אַ טיפן זיפץ פאַרצויגן צו אַ שמייכל ...

איז וואו פאַראַנען נאָך אייראָפּע?

איז וואו פֿאַראַנען נאָך אייראָפּע,
די אַלטע, גרויע, דעקאַדענטע?
דער אייפֿל־טורעם, רוים, פּאַריז,
דער דונײַ, יענע בלויע לענטע,
וואָס האָט געוויגט זיך ווייט און באַנג
מיט מיד־לוויהדיקן גאַנג?

איז וואו פֿאַראַנען נאָך אייראָפּע,
צי איז זי בלויז נאָך אַ געשטאַלט
פֿון אויסטערלישער מיטאָלאָגיע?
אַ סאַטיר אין אַ פּייכטן וואַלד?
אַ לבנהדיקער סוד? אַ האָרן,
וואָס אין טונקלע וועלדער שאַלט?

צי איז זי גאָר אַ מאָדנער שטערן,
אַ הויכער, ניט דערגרייכטער שטערן
אין איבער־וואָלגנדיקער הויך,
וואָס שווימט אין טונקלענדיקע ספערן
און צאַנקט — און וועט פֿאַרלאָשן ווערן,
און בלייבן בלויז אַ קלאַנג, אַ רויך?

דאָס איז דער סוד, דאָס איז דאָס גליק

דאָס איז דער סוד, דאָס איז דאָס גליק,
וואָס איך האָב קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען:
אַ טראָפּן טוי, אַ טראָפּן ליכט,
וואָס איז אויף יעדן גראָז פאַראַנען.

אַ גרינגע שוואַלב, אַ בלויער ווינט,
וואָס רוישט אין רויש פון זאַטע זאַנגען:
דאָס איז דאָס גליק, צו וועלכן כ'בין
נאָך לאַנגער וואָגלעניש דערגאַנגען.

אַ שמאָלער שטעג, אַ קליינער טייך,
וואָס לעבט נאָך צווישן פעלד און פלוינען:
דאָס איז דאָס אָרט, דאָס איז דאָס הויז,
וואו איך וועל מוזן אייביק וואוינען.

אַן אַלטער סאַד, אַ בוים, וואָס בליט
און אונטן אויף ווייטע לאַנען:
דאָס איז מיין ליד, דאָס איז מיין ליד,
וואָס איך האָב קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען...

אויף אבא שטאָלצנבערגס לויה

איך וועל ניט גלייבן
ניט מיר, ניט דיר, ניט משה לייבן...
נאָר שטאָלצנבערגן האָב איך יאָ געגלויבט,
ווען ר'איז געלעגן
אין שוואַרצן קברל שוין גרייט,
מיט טונקעלן ווינט
צו גיין אויף וואָגל-ווייטע וועגן...

ווי האָב איך פרעמד געפילט זיך אין זיין טויטן-שטיבל!

ווען אבא איז געלעגן אויף זיין טויטנבעט,
האָט זיך אַ יידענע אויף „ענ-גע-ליש" צערעדט...
און ווען ער האָט געדרימלט אויף זיין טויטנבעטל,
האָט זיך אַ גרויער ייד פאַרויכט אַ ציגאַרעטל
(מיין האַרץ, ווי האָסטו דיך דערשראָקן!)
כאָטש אויף דער וואַנט האָט זיך געשוואַרצט אַ טאָוול
אויף ענגליש:
No Smoking!

אַ האַלבע שעה דערנאָך — מיר זיצן שוין אינאיינעם
אין קאַווע-הויז — אַ סטאַיע אָפּגעפרעמדטע שכנים:
יידישע פּאָעטן...
(די לופט איז פרעמד. זי שמעקט ניט מיט סאָנעטן...)
און שטיל מיט וויאָנעדיקע, געלע הענט
געהאַלטן פרעמד אַ פרעמדן לעפל
און שטום געזופּט אַ וואַסערדיקע זופּ פאַר פינף סענט...

א דיכטערין, אַ גרויע,
וואָס קען ניו־יאָרק און קען זיין גרויסן טרויער,
האָט שטיל געוויינט:
— ער איז געווען פריש ווי ערד, וואָס ניט צעאַקערט,
געשמעקט ווי וואַלד און גראָז און ווי אַ קוסט געפּלאַקערט
צו יעדער שיינער לאַנדשאַפט פון דער וועלט,
וואָס האָט געקוועלט
פון זיינע שלאַנקע און געזונטע לידער.
און איצטער?
ס׳ווערט אַלץ דאָ אויסגעוועפּט —
ער איז דער לעצטער...

פון וואַסערדיקער זופּ צעטראָגט זיך אַ גערוך
פון טויט...
אַ פריינד שפּרינגט פּלוצים אויף פון בענקל און פאַרקויפט
אַ צווייטן פריינד אַ בוך —
און „מאַכט״ אַ טאַלער...
איך וועל ניט גלייבן
ניט מיר, ניט דיר, ניט משה לייבן.
און ניט דעם וואָרט פון שעקספּיר, קאַנט און לערמאָנטאָוו...
נאָר שטאָלצנבערגן האָב איך יאָ געגלויבט,
אַז דאָס איז שוין דער סוף, דער סוף... דער סוף...

פיר לידער

אַ דערפל אין די אַדיראָנדעקס

1. דאָ וואוינט די שוואַלב

דאָ וואוינט נאָך אַלץ די שוואַלב אינאיינעם מיט די מענטשן.
די שטילקייט לעבט בשותפות מיטן קרעמל.
זי דרעמלט
אויף פּעקלעך ציקאָריע, זאַלץ און צוקער
און וואַקסט ווי גראָז אין טונקעלן געוועלבל.
אַ טייכל שפּרינגט אַראָפּ פון באַרג — און קוועלט.
אַ פּאַסטוך פּאַשעט זיך אינאיינעם מיט אַ קעלבל
און ברייטע קי
זיצן פול חשיבות אין דער מיט פון פעלד
און גיבן אַכטונג אויף שלאָפנדיקן יינגל.
דאָ לעבן אַלע, אַלע אינאיינעם:
שכנים:
די מענטשן, וואָלקנס, שוואַלבן און די קי.
איך בין דאָ הי
אַריינגעפאַלן פּלוצים, ווי אויף באַרג,
אַ פּליט פון געטומל אין ניו־יאָרק.

2. דאָס שעפעלע

דאָס קליינע שעפעלע, אַ גראָעס, אַ ברעקל
האָט היינט געשטעלט אין פעלד די ערשטע טריט.
מיט צאַרטער קינדישקייט האָט עס געהיט
אַ פּאַסטעכל אַ קליינס, אין גרויען רעקל.

דאָס שעפל האָט אַ וויג געטאָן דאָס גלעקל
צום וואַלד, צום פעלד, צום טייכל און צום קוסט
און בלויז געגאַפט אַרום און ניט געוואוסט,
אַז גאָט קוקט אַ פאַרליבטער אויף זיין עקל.

עס האָט געשטעלט אַ שריט און מיט דער נאָז
שטיל אויסגעפּרואווט די ווייכקייט פונעם גראָז
און לאַנג געקוקט פאַרחידושט אויף אַ בלימל.
דערנאָך אַריינגעפאַלן אין א דרימל,
ביז, מיד פון טאָג און לעצטן זונען־שטראַל
האָט אַ פאַסטעכל עס אָפּגעפירט צום שטאַל.

(די צייט איז אינעם דאָרף געבליבן שטיין,
ס׳זאָל יעדער זען, אַז ס׳שעפעלע איז שיין).

3. אין דער שענק

דער אויסגעשטאָפּטער הירש, וואָס אויף דער וואַנט,
מאַכט אומעטיקער נאָך דעם אומעט פון דער שענק.
דער אויסגעשטאָפּטער הירש, וואָס אויף דער וואַנט,
מאַכט גויאישער די גואישקייט פון בענק
און ביטערער דאָס ביר אין קאַלטן גלאָז.
צו וואָס
בין איך אהער — צו וואָס?
איך זיץ דאָ אין אַ קלעם פון שרעק און שנאה.
איך זיץ דאָ ווי פאַרשפאַרט אין הויכן, קאַלטן, טורעם
און מיינע יידישע אויגן —
קוקן מיט טרויער
אויף אויסגעשטאָפּטע הירשן, גויים און שיכורים.

4. אַ גרויסע לאַנקע

אַ גרויסע לאַנקע — ווייט פון אַ שטראָז
און אַ בוים מיט אַ לאַנגן שאָטן.
אַ זילבערנער פלעק פון דער זון אויפן גראָז,
אַ קינד שרעקט איבער אַ צעפלאַטערטן האָז —
דאָס שענסטע ליד אויף דער וועלט איז געראָטן.

ווער שפּילט זיך מיט וואָרט?

ווער שפּילט זיך מיט וואָרט? ניט איך!
איך גיי אַרום אין פּראָסטע שיך.
כ׳מאַך קיינמאָל ניט פון „ווערטער״, „וואַרטער״,
ס׳זאָל קלינגען גראָבער אָדער צאַרטער
און האָבן יענעם פאַלשן גלאַנץ,
וואָס ס׳האָט אַ האָקוס-פּאָקוס-טאַנץ.

איך — קען ניט טאַנצן. גיי איך פּראָסט,
ווי ס׳גייט דער ווינט, ווי ס׳גייט דער פּראָסט,
ווי ס׳גייט דער רעגן אויף די וועגן
דער לעצטער טונקלעניש אַנטקעגן,
וואָס אָטעמט שוין מיט נאַכט און גאָט.
אין אָנהייב איז געווען דער סוד...

צו וואָס דער ווערטער-צירק, צו וואָס?
כ׳האָב ליב דאָס וואָרט, וואָס שמעקט מיט גראָז.
כ׳האָב ליב די ווערטער, ווען זיי וואַקסן
ווי האַרטע גלאַדיאַטאָרן-אַקסלען,
און האָבן יענעם עכטן רייץ,
וואָס ס׳האָט דער קאָרן און דער ווייץ.

כ׳האָב ליב דאָס וואָרט, וואָס שווייגט. און אויך
אַ וואָרט, וואָס ברענט אין פלאַם און רויך.
און ווערטער האָב איך ליב, וואָס הייבן
זיך אויף, ווי רעוועדיקע לייבן.
אָ, פריינד פּאָעטן! כ׳וויים, דאָס ווירקט
אין מדבר — אָבער ניט אין צירק!

אָ, גיט מיר איצטער אַזאַ וואָרט,
וואָס שפּריצט מיט בלוט, וואָס שרייט ווי מאָרד!
וואָס רעדט ניט וועגן בלוט — נאָר איז עס!
וואָס שמייסט ניט ווי אַ רוט — נאָר איז עס!
וואָס איז קיין וואָרט ניט, נאָר אַ זאַך,
ווי בעט און בוים, ווי דעמב און דאַך.

דאָס טיפֿע וואָרט איז מיין באַגער!
וואָס איז אַ וואָרט? אַ שטילע טרער.
אַ טרער, וואָס פֿליסט אין אַלע שפּאַלטן
און טונקלט וואו אין האַרץ באַהאַלטן,
דאָס פּנים שטום מיט הענט פֿאַרשטעלט
און וויינט . . . און ציטערט פֿאַר דער וועלט.

איז וואו פֿאַראַן אַ וואָרט, וואָס הייסט:
טרייסט
און ס׳גייט אַ למד־וואָוו, פֿאַרהוילן
צום לעצטן יידישן קינד אין פּוילן
און וויגט אים איין די שטומע פּיין
מיט חלום און לבנה־שיין?

נאָך אַזאַ וואָרט האָט זיך צעגליט
דער הייסער אומעט פֿון מיין ליד.
נאָך אַזאַ וואָרט וואָלט איך געגאַנגען
מיט פֿעסטן טריט און מיט געזאַנגען,
מיט האַרטן שטאָלץ און מיט געוויין,

אָן בלייכער שרעק, אָן צוק פֿון וויעס,
צום מאָרד־באַפֿלעקטן ברעט פֿון תּליות.

III

חורבן

די האַק

נעם טויזנט העק, מיין גאָט, און האַק
ווי טויזנט דונערס אויף מיין נאַקן.
מיט ליבשאַפט נעם איך אָן דעם פּסק
און כ׳בייג הכנעהדיק מיין נאַקן.

ד׳האָסט אויסגעהאַקט דעם גאַנצן וואַלד,
און איך בין איינער דאָ געבליבן.
איך בין דער לעצטער בוים, וואָס פאַלט,
צו לעצטער לעצטקייט אויסגעקליבן.

מיין פאָלק צעפאַלט. מיין גרויער גומען
האָט מיך שוין לאַנג געלערנט שטומען
צום גרויען אַש און גרויען זאַק.

צעפלאַקער טויזנט שייטערהויפן,
אָ, האַר, מיין גאָט! כ׳וועל ניט אַנטלויפן —
מיט ליבשאַפט נעם איך אָן דעם פּסק!

שלאָף

די שפּיצן פון די פינגער שטאַרן איין.
די פּיס פאַרגליווערן. דער האַלדז ווערט טרוקן.
ס'האָט ווער געלייגט אַריבער תהום מיין רוקן
און שטום דעם גוף מיט כישוף־שפּרוך פאַרפרוירן.

כ'וויל אויפהייבן די הענט. כ'פיל, אַז פאַרלוירן
כ'האָב וואו די הענט. אינאיינעם מיטן זיין
ווער איך פאַרגליווערט אין אַ מאָדנעם טרוים.
דער רוקן אויסגעגלייכט אַריבער תהום.

ווי סאַמעט־קלאַנגען פאַלן שטיל אַריין
צו מיר (פון וואַנעט? ...) צערטלעך־ווייכע ווערטער.
(... די מאַמע שטריקט איצט זאָקן אַ פאַרקלערטע...)
איך ליג פאַרגליווערט. כ'קען זיי ניט פאַרשטיין,
כאָטש אויסגעגלייכט ליגט פאַר מיר זייער מיין:
— „ער שלאָפט? אוודאי שלאָפט ער איצטער. ש־ש־ש..."

און עפּעס שמייכלט מאָדנע פון מיין גאַנצן לייב:
אוודאי שלאָף איך שוין, א־וו־דאי... ש־ש־ש.

מילך

כ׳געדענק אין דאַכוי, אין אַ שיינעם טאָג
(ס׳איז אפשר דער טאָג ניט געווען אַזוי שיין)
איז פּלוצים איינמאָל געקומען צו גיין
פון אַ נאָענטן בלאָק *)
אַן אַלטער מאַן מיט אַ שווערער קאָן,
מיט מידן טראָט און גרויע האָר
(ר׳איז געווען שוין אין דאַכוי דאָס זעקסטע יאָר)
און געזאָגט:
— היינט וועט זיין מילך.

האָט געטאָן אַ הילך
אין מיין קאָפּ אַזאַ הייסע, צעפּיבערטע פרייד,
אַז ס׳האָט דער קאָפּ זיך מיר אַזש פאַרדרייט,
און איך האָב געזען
אַ דערפל אַ קליינס, אַ קו און אַ שטאָל
און אַ זוניקן שטראַל,
וואָס ציטערט אויף שפּיצן פון סאָסנעס,
און וויגט זיך ווארעם אויף הייליקע טאָלן.
און דער אַלטער מאַן מיט דער שווערער קאָן
האָט געזאָגט:
— פאַר דער מילך וועט מען מוזן באַצאָלן...

האָט זיך אַ פלאַם אין די אויגן צעברענט
און ס׳האָבן געפלאָכטן זיך הענט אין הענט
און ס׳האָבן געטורעמט זיך קעפּ אויף קעפּ
און אין אונדזערע אָרימע דאַכויער טעפּ
האָט גענומען רינען
פּאַמעלעך און שטיל
די ליכטיקע ווייסקייט פון מילך.

*) בלאָק — אַ באַראַק אין דאַכוי.

האָב איך זיך דערמאָנט
אין דעם חבר קאָן,
(איך האָב אים געקאָנט
פון דער קאָם־פּאַרטיי)
אַן אַלטער מאַן מיט אַ מידן שפּאַן,
וואָס האָט שוין געאָטעמט מיט האַרבסט און מיט שניי,
און כ׳האָב אים געבראַכט אַ טעפּעלע מילך
(ווייל כ׳האָב צוויי טעפּלעך באַקומען)
ווי האָט מיר געקלאַפּט דאָס האַרץ פאַר פרייד,
ווען זיין גומען
האָט דורשטיק געזויגן דעם זוניקן זאַפט.

דער חבר קאָן איז שוין מער ניטאָ.
ס׳האָט דער דייטש אים אין פוילן דערשאָסן.
אינאיינעם מיט טויזנט שטראָמען בלוט
איז זיין בלוט אויך געפלאָסן
מיד און פאַרמאַטערט
צו דער לעצטער רו פון שוואַרצן ים.

איך האָב זיך אין דעם אַלעם דערמאָנט,
ווען כ׳בין ווי אַ מידע קליאַטשע געזעסן
אין אַ היגן קאַפעהויז, מיד פון שאַפ
מיט שווערע הענט און שווערן קאָפּ
און געגעסן
דאָס אָרימע ברויט פון מיין טרויער,
דאָס ביטערע ברויט פון מיין גרויסן צער.

און איך האָב זיך דערמאָנט אין דער פרוי,
וואָס האָט מיר די ערשטע געגעבן צו טרינקען
מילך
מיט דער פרייד פון אַ יונגער מאַמע,

און איז ערגעץ געבליבן אויף הפקר אין ווין,
און אין אַלע מאַמעס,
וואָס מ׳האָט זיי געשלעפּט
קיין לובלין
און געקעפּט
אין טרעבלינקע.

און איך האָב זיך דערמאָנט אין וואַרשעווער קינדער,
וואָס מ׳האָט זיי געפירט אין פינצטערע באַנען
ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט פון דאַנען
און זיי האָבן געשטומט —
און זיי האָבן פאַרשטאַנען...
און איך האָב זיך דערמאָנט אין די קינדער,
וואָס מ׳האָט זיי פאַרנייט אין גרויע זעק,
און מ׳האָט זיי אין וויסל געוואָרפן,
און זיי האָבן ניט געוויינט פאַר שרעק —
נאָר פאַר בענקשאַפט נאָך אַ טעפּעלע מילך.

האָב איך גענומען אַ גלאָז מיט מילך אין דער האַנט
און געהאַלטן עס הויך איבערן גאַנצן לאַנד
און געהאַלטן עס הויך איבער גאָר דער ערד,
וואָס האָט זיך גענערט
מיטן בלוט פון געקוילעטע קינדער,
און געזאָגט, כדי מקיים
צו זיין די מצוה פון שענקען
און דעם בלוטיקן חוב פון ווייי און געדענקען,
געזאָגט מיט פאַרציטערטע ליפּן:
— לחיים די טויטע!
— לחיים די טויטע!
— לחיים...

האַרבסט

יעדער האַרצקלאַפּ פֿאַרמינדערט
די האָפֿענונג אויף שיינע טעג.
זע: די קראַנקע קינדער
אויפֿן צעהאַרבסטיקטן וועג.

זיי גייען און שמייכלען, ווי ס׳וואָלט זיי
געוואָרן עפּעס קלאָר —
און עמעץ גנבעט דאָס גאָלד זיי
אַרויס פֿון די בלאָנדע האָר...

ביינאַכט

וואָס קלאַפּסטו אַזוי אין דער פינצטערער נאַכט, אָ, פרעמדער,
אין מיינע טויערן?
— איך האָב געהערט, אַז דו לעבסט אין צער און ד׳האָסט
דעם בטחון פאַרלוירן.

די פּיין איז גרויס און די נאַכט איז לאַנג. און וואָס ברענגסט מיר
דיין פּלוצעמדיק קומען?
— אַ ליימענעם טאָפּ מיט אַש און זאַמד, אַז ס׳זאָל אייביק
שמאַכטן דיין גומען.

צו וואָס די שטראָף, אַז מיין אומה פאַרגייט, אָן עדה
פאַרלוירענע ווייגער?
—איך ברענג דיר אַ טרייסט: פון פינצטערן וואַלד אַ קופּע
פאַרטריקנטע ביינער.

ווען די נאַכט וועט פאַרגיין, ווען ס׳וועט קלינגען אויף טאָג,
וואָס וועט דערזעען מיין וויע?
— אַ מאַן, וואָס שטייט מיטן פּנים צום וואַנט, און אַ תליון
וואָס גרייט אים די תליה.

אָ, פרעמדער, פאַרגיי! גיט וועק מיך פון שלאָף, כ׳פיל מידקייט
אין איטלעכן אבר.
— דיין האַנט, דיין האַנט איז שטאַרק נאָך גענוג, זאָלסט דיר
גראָבן דיין אייגענעם קבר.

די נאַכט האָט געשטומט — און געגליווערט אויף מיר מיט אויגן
פון טונקעלע קראָען,
און איך האָב געבוקט זיך צום פרעמדן ביים שוועל מיט
קנעכטישער שרעק און שגעון.

דאָס ליד פון לעצטקייט

אַ דאַנק דיר, גאָט, אַ דאַנק, וואָס ד׳האָסט באַשאַפן
אַ וועלט מיט קראַנקע פערד און גרויע שקלאַפן,
גאַז־אויוונס, תּליות, נישטיקייט און טויט,
וואָס דרימלט אינעם שימל פון מיין ברויט.

אַ דאַנק דיר, גאָט, אַ דאַנק, וואָס ד׳האָסט באַשאַפן
אַ שיף, וואָס גליווערט אין דער נאַכט פון האַפן.
אַ שיף, וואָס גליווערט שוין ביים לעצטן ברעג
און זעט בלויז טרויער, נישטיקייט און שרעק.

איך בין די שיף, די תּליה און די טרונע,
איך בין דיין אָפּבילד : וואָר און דיין אימאַזש.
אויף מיינע טויטע ליפּן שטאַרבט דער דונער,
פון מיינע אויגן שיט זיך אַש.

ווען איך וועל קומען אַהיים

ווען איך וועל קומען אַהיים,
וועט מיר דאָס האַרץ ניט אַ קלאַפּ טאָן:
עפּן!
ווייל כ׳וועל שוין אפילו ניט טרעפן
קיין טיר קיין פאַרמאַכטע.

און אויפן שוועל פון בלויע פאַרנאַכטן
וועלן זיך מער שוין ניט וויגן
פאַמעלעך, אין שלעפּריקן ניגון,
קיין אָרימע לייט און קיין בעטלער
וואָס רעדן מיט גאָט און מיט שטערן.

און מיין האַרץ, וואָס איז פול מיט טרערן,
מיט ביטערע טרערן אַ לאָגל
וועט שוין באַרואיקט ניט ווערן;
וועט שוין באַרואיקט ניט ווערן.

און ס׳וועט ניט שטיין אויף דער שוועל,
מיין מאַמע אין טרערן געצונדן,
און קושן מיר שטום מיינע וואונדן
וואָס זיינען טיף און אַ סך.

און ניט דער היימישער דאַך
און ניט די בלויע שוואַלבן
וועלן טאָן אַ געצוויטשער,
און ס׳וועט ניט געבן קיין ציטער
מיין האַרץ,
מיין פאַרגליוועטע האַרץ.

ס׳וועט קיינער ניט זיין שוין. קיינער.
אפילו ניט די ביינער
פון מיינע געקוילעטע אָבות,
און ניט די טויטע קעפּלעך פון קינדער.

און אויפן אַלטן בית־עולם
וועלן זיך פּאַשען קי
און ס׳וועט אַלץ זיין פאַרגעסן,
אַלץ זיין פאַרגעסן.
אַלץ.

אַז ווײ איז דעם פאָלק,
וואָס באַדאַרף שוין ניט מער קיין בית־עולם.
אַז ווײ איז צום פאָלק!
אַז ווײ איז צו אונדז!

פאַרן שייטערהויפן פון פערטן חורבן

הונען האָבן געריטן אויף ציגן,
די פלינקע טאַטערן, אויף שיכורע בעק.
די הינט, די טערקן, לעגנאוים דעם דוניי —
האָבן געדונערט מיט דונער פון שרעק.

די גאָטן האָבן אָנגעשפּאַרט אַזש
קיין אַפריקע, און זיינען פאַרדאָרבן.
און ווער דערמאָנט זיי? מיר אָבער קלאָגן
נאָך היינט אויפן ערשטן און צווייטן חורבן.

די אַראַבער האָבן זייערע מעשׂות
פאַרשריבן, ס'זאָל בלייבן לזיכּרון.
איך וויים עס געניי. איך האָב זיך געלערנט דאָס
אין סאַנדז, אין מיינע יונגע יאָרן.

און אפשר האָבן די טאַטערן געריטן
אויף ווינט און וואָלקן, אויף פייער און פערד?
נאָר וואָס איז דער חילוק? ס'האָט לאַנג זיי פאַרשניטן
דער פראָסט פון פאַרגעסן ווי מיט אַ נאַקעטער שווערד.

די הונען, די טאַטערן, זיי זיינען ניטאָ מער,
די שטאַרקע ריטער, די בייזע פאַררעטער.
דאָס קלינגט שוין היינט ווי אַ מעשׂה פון שמר
וואָס קיינער לייענט ניט (חוץ זיינע טעכטער).

און פון אונדזער גרויסן טרעבלינקע־ווייטאָג,
וואָס כ'לייען אַ זאַץ אין אַ בוך און אַ דאַטע.
אַ תּלמיד אין שול וועט שטאַמלען: לע־לערער,
און קוקן פאַרלוירן און תּמעוואַטע.

און אַ ייִנגל אַ צוויטס וועט זאָגן: טרעבלינקע
און טראַכטן: ס'וועט זיין היינט אַ „מעטש" אין פּאַרק.
און אַ מיידל, אַ קליינס, וועט זאָגן טרעבלינקע
און טראַכטן פון שליטלען אויף שנייאיקן באַרג.

איך וויים עס געגוי (איך לעב אָן אילוזיעס)
און כ'זאָג צו מיין זון — (כאָטש כ'בין דריי מאָל געשטאָרבן):
מיין זון, זיי שטאַרק, ! זיי שטאַרק! זיי גרייט!
פאַרן שייטערהויפן פון פערטן חורבן.

אויפן אַפּעל

פאַרטאָג, ווען מיר שטייען אויפן אַפּעל־פּלאַץ
און פרירן,
ציען זיך וואָלקנס מיט טויזנט צעבליטע קאָלירן.

אַ וואָלקן איז פינצטער.
אַ וואָלקן איז העל.
אַ וואָלקן זעט אויס ווי אַ הייזל.
כ'וואָלט וועלן איצט זיצן פאַרטראַכט אויף זיין שוועל.

כ'וואָלט וועלן איצט זיצן
מיט ווייב און מיט קינד
און זען, ווי ס'בליצן
שוואַלבן אין ווינט,
שוואַלבן אין גילדענעם ווינט.

און אפשר זאָל מען פאַרגעסן

און אפשר זאָל מען פאַרגעסן
די תליה, דעם פּחד און אַלץ,
שמייכלען צו גאָט און ניט וויסן,
אַז מיר טראָגן אַ שטריק אויפן האַלדז?

זיצן אין פעלד אַ פאַרקלערטער,
אויף אַ פאַרגעסענעם שטיין,
און זען ווי ס'וויגן זיך זאַנגען,
און ווי שיין איז די זון ביים פאַרגיין.

גאַפן ווי ס'טויכן אויף פּלוצים
שלאַנקע סארנעס און ווי
ס'פּאַשען זיך גרויאינקע שעפּלעך,
און ציילן די רויטע קי.

און גיין אַהיים אַ פאַרטראַכטער
צום פּראָסטן ברויט און זאַלץ,
און האָבן גוטע חלומות
מיטן שטריק אויפן האַלדז.

אין אורוגוואישן קאָנסולאַט

ווי שמעקט דאָ אַלץ מיט ווייטקייט און נסיעה,
מיט בלויען ים און בענקשאַפט קיין איטאַליען...
מיט וואַנדערשאַפט, מיט וואָגלען קרוע־בלוע
און מיט דער אומבאַקאַנטקייט פון אויסטראַליען...

ס׳דערציילן אויף די ווענט די בלויע מאַפּעס
פון וואונדערלעכע שטעט און ווייטע וועגן
און צינדן זיך אין בלוטיקע חלומות
פון אַלפּן, אַנדעס, רחבות און גערעגן.

די ברוינע אָפּן שרייען אינעם אורוואַלד
און ס׳ענטפערט אָפּ דאָס רעווען פון די בערן.
דער לעצטער מאָהיקאַנער גייט פאַרלוירן
אין פעלד, וואָס ציטערט אינעם ליכט פון שטערן.

אָ. לייכטנדיקע ווייטקייטן פון סטעפּעס!
אָ, ליבע, נאָענטע היימישקייט פון פוילן!
אַ דערפל גאַפט מיט קינדיש־בלויע אויגן
אין מאָכיק־פייכטער וואַלדישקייט פאַרהוילן.

אַ וועווריק שפּרינגט־אויף און גלעט די לאַפּקעס.
צעשמייכלט און צעפייפט זיך: כ׳לאָז דיך גריסן...
און שפּרינגט אַוועק. אַן אָדלער קרייזט פאַרגליווערט
און ס׳קוקט אַ טייך מיט טונקעלן געוויסן...

אַ בלוטיקע לבנה שרעקט־אויף פּלוצים
אַ ווילדן טאַבון־פערד אין ווייטער פּרעריע
און ס׳קייכט מיט פייערדיקן שטאָל און הייסקייט
איעדער שטיין אין ריאָ־דע־זשאַנעירא.

אַ שלעפערדיקע חיה אינעם אורוואַלד
גייט מאַט און זאַט צום נאַכטישן געלעגער.

אַ ווילד געשריי! אַ פּלייץ פון בלוט. אַ רעווען.
און שמייכלענדיקע, ווייסע ציין פון נעגער...

עס רייצן פון די ווענט די בלויע מאַפּעס
דעם זיסן ווייטאָג פונעם אומבאַקאַנטן
און כישופדיקן לאַנד, וואָס קען אַצינד בלויז
די גרעניץ — אין מיין בענקשאַפטס-האָריזאָנטן.

ווי איז דאָס אַלץ באַנומען און פאַרכישופט
און פּראַכט פון שיינקייט, אומבאַקאַנט און פריילעך!...
און אָראַנגוטאַן רעוועט... אָראַנגוטאַן!
זיי איצט מיין האַר, מיין פירער און מיין מלך!

איצט גליט מיין בענקשאַפט, בונט-געוועבטער טעפּיך,
אַ צאַרט געוועב פון חלום און פון קנאה...
אָ, וואונדערלעכע פּראַכט פון גרויער פּערסיע!
אָ, נעכט פון אינדיע! זייד-גערויש פון כינע!

און איך מוז הינקען מיטן לאָמען לאַנגווייל
און זען די וועלט אין פייכטער שיין פון טרערן.
די וועלט, וואו ס'איז פאַר יעדן אַ געשעעניש
ביינאַכט — אַן אויסגעלאָשענער לאַמטערן.

גיין אַ פאַרלוירענער אין קראַנקער גרויקייט,
וואו ס'איז אַיעדער טאָג אַזוי צעבראָכן
ווי איצט — מיין האַרץ... פאַרשימלט און דערעסן
די בלינדע שעה אין טויבן גאַנג פון וואָכן...

און כ'קען צומאָל ניט צוקומען צום דערפל
און זען, ווי ס'אַקערט גלייביק-פרום אַ פּויערל...
נאָר גיין און אויסגיין אין דער גרויער טעמפּקייט —
אָ, לעכערלעכער טרויער פון מיין גורל!...

די פּאַווע

ס'וועט קומען די גילדענע פּאַווע,
די פּאַווע פון יענער זייט ים
און ברענגען, צעשימערט, אין שנאָבל
אַ ליד, אַ לאַך און אַ גראַם.

וועט פליען די גילדענע פּאַווע
דורכן ים, דורכן ים, וואָס איז טיף
און טראָגן, פאַרטרויערט, אין שנאָבל
אַ זיפץ, אַ טרער און אַ בריוו.

וועט פליען די גילדענע פּאַווע,
די פּאַווע מיט נאַכטישן בליק
און טראָגן, פאַרגליווערט, אין שנאָבל
אַ שטריק, אַ פאַרבלוטיקטן שטריק.

און וואָס וועט זי אונדז געבן די פּאַווע:
אַ שטריק, אַ בריוו, צי אַ גראַם?
וואָס וועט זי אונדז געבן? — גיי פרעג זי
די פּאַווע פון יענער זייט ים!

שבטים־געזאַנג ווען סאַנדז און פּאָדהאַלע

אַלע וואַסערלעך פליסן אַוועק
די טייכלעך בלייבן ליידיק —
אוי, ווי נעמט מען אַזאַ מענטש אויף דער וועלט,
וואָס זאָל פאַרשטיין מיין ווייטיק?
(פאָלקסליד)

מיט ליולקעס האַנדלען די באָסניאַקן
(זיי טראָגן קאַפּלעך ווי דער טערק)
די טעפּלעך דראָטעווען די סלאָוואַקן
(זיי קומען פון די טאַטראַ-בערג)
יעוואַנים די עקשנים האַקן
די וועלדער (שמעקט מיט האָלץ דאָס ווערק)
און יידן פּאַקן און פאַרפּאַקן
די שווערע קאַסטנס אויף די מערק,
ווייל ס׳ברענט דער טאָג און ס׳ברענט די סחורה.
זיי וואוינען אין אַ העק, אין סאַנדז,
און לערנען תורה.

1.

עס רוישט דער דונייץ און דער פּאָפּראַד,
און רוישט מיט וואַלד, מיט ווינט און סאָסנעס,
און קלינגט מיט קלעצער און מיט טראַטוועס,
געבונדעטע מיט שטריק, ווי דראַטוועס,
און קלינגט מיט האַרטן פליוסק פון וויאָסלעס
און טרוקענעם געזאַנג פון וואַסער.

עס פרישט די לופט, ווי פאַר אַ רעגן,
מיט קילע לאָנקעס און מיט ערד
און גלאַנציק-פייכטן מיסט פון שטאַלן.
און אין די שטאַלן — די גוראַלן
זיי וואַקסן מיט די קי און פערד.

און אָרעם איז די ערד און טרוקן
און פעלדער זיינען דין און קאַרג.
דאָ וואַקסט קיין זאַנג ניט — נאָר אַ באַרג
און פעלדזן וואַקסן אויף זיין רוקן.

און די גוראַלן מיט די שטאַלן,
און קינד און קייט, מיט מויז און הויז,
זיי וואַקסן פון דער ערד אַרויס,
פון באַרג אַרויס, פון פעלדז, פון שטיינער.

זיי זיינען האַרט. ניט מאַרך, נאָר פעלדז
האָט גאָט געפּרעסט זיי אין די ביינער.

.2

אין די קאָלאָניעס וואוינען שוואָבן.
זיי וואוינען אין אַ טיפן טאָל,
אַריינגעוועבט, אַריינגעגראָבן
אין דייטש-אַלטפּרענקישן אַמאָל
פון ווירצבורג, פראַנקפורט, קעלן אַם ריין,
אין דערפלעך קליין, אין דערפלעך שיין,
מיט קירכן-לידער און מיט לוטער.
אין דערפלעך קליין, אין דערפלעך שיין,
וואו ס׳רינט מיט האָניג און מיט פּוטער.

און כאָטש ס׳פלעגן זייערע פריילינס
זיך אָוונט-צייט ביים הויז פאַרוויילן
מיט זינגען אַזאַ סומנע ליד:

Im Lande Polen
Ist nischt zu holen
Und in Ungern
Musch mer verhungern,

האָט פרייד געגרינט אויף ווייטע טאָלן
און ווינשל־בוים האָט ווייס געבליט,
און מילך האָט אין דער קאַן געקוואָלן
מיט חשיבות, ווי אַ קירכנליד.

איך רעד אַצינד פון זיי מיט שנאה,
מיט גרינער גאַל, מיט פייכטער סלינע,
נאָר כ׳האָב זיי דעמאָלט ליב געהאַט,
(בלוי־אויגיק לעבן מיינס, אָן חשד!)
ווייל כ׳האָב געזען אין די פּאַרטאָגן
(פּאַרטאָג, דו יינגליש־ווייסע פאָן!)
אַז זייערע קלויסטערס פלעגן טראָגן
ניט צלמים, נאָר אַ קליינעם האָן.

.3

און אַלע אָבות פון מיין טאַטן
זיי וואַקסן פון די שטיין־קאַרפּאַטן.
און זיינע טעכטער, זיינע בנים
זיי זיינען האַרט און איינגעשפּאַרט,
עקשנים, ווי די באַרג־יוונים
און אַלע האָבן מיר איין פּנים
און אַלע שווייגן מיר, ווי בערג.

און דאָרט — אין גרינעם טאָל — ליגט סאַנדז
מיט עברי־טייטש און אַטלעס־גלאַנץ,
מיט תחינות און מיט שטערן־טיכלעך,
מיט ספרים און מיט זכר־קיכלעך
און ווייסע ציגעלעך, וואָס האַנדלען
מיט מעשה־ביכלעך און מיט מאַנדלען.

פאַרצייטיק לעבן נאָך די עדות
פון גרויער אורצייט: שטילע זיידעס
און באָבעס מיט די ציטער־בראָשן.
אַ פּסוק פלעכט זיך מיט אַ ווערטל
אין ווייכן טייג פון מאַמע־לשון.

און אויף דער פּיעקלע וואוינען יונגען,
די שניידער־יונגען, בעקער־יונגען
(ס'קען פּעטש דערלאַנגען אַ נאַש־בראַט!)
ווי האָט געקלונגען און געזונגען
דעם ערשטן מאַי אויפן פּאַראַד
„מיין טייערער פריינד" פון עדעלשטאַדט,
און ווי געקלאָגט און ווי געביטערט!
אַז גאָט אַליין האָט אַזש געציטערט!

4.

ביינאַכט, ווען ס'ווינקען בלוי די שטערן
זיך איבער מיט די נאַכט־לאַמטערן
(איר מעגט עס זען,
איר מעגט עס הערן!)
טאַנצן אויף אַלע גאַסן — בערן!

וואָס איז געשען? וואָס איז געשען?
וואָס איז אין מיטן נאַכט געוואָרן?

ציגיינערס זיינען אָנגעפאָרן
מיט קליינע פערדלעך, קרומע ביידלעך,
מיט קעסלען, פּויקן, כיטרע מיידלעך,
מיט טאַצן, פידלען (ווי זיי שרעקן
די מאַלפּעלעך אויף דינע עקן!

העי, אַנגעפּאָרן, אַנגעפּאָרן
פון וואַלד, פון נאַכט, פון שוואַרצע יאָרן,
געריטן אויפן קאַלטן ווינט,
געבלאָזן אין לבנה־האָרן,
העי, דורכגעטראַסקעט, דורכגעפּאָרן
דורך טעג, דורך נעכט און דורך קאַיאָרן,
דורך האַרבסטן, זומערן און פרעסט,
ביים ווינט אויף קעסט, ביים טייך אויף קעסט,
און זיינען איצטער געסט!

צום גוטן יאָר!
איז דאָס אַ חלום, צי אַ וואָר?
עס איז די וואָר! עס איז די וואָר!
און ס׳וועט די וואָר זיך טיפער וואָרן:
ציגיינער זיינען אַנגעפּאָרן
פון באָמבעי אַזש, פון טונקעלען ישוב,
און טרייבן שפּאַס און טרייבן כישוף
און שמייכלען קלוג און לאַכן קינדיש
און רעדן אונגאַריש און אינדיש.
און וואָס זיי זאָגן איז אַ ליגן,
ס׳איז מאַגיק ווי פון מאַקאַגיני.

זיי שעפּטשען סודותדיק און האַלטן
אין קליינעם זעקעלע באַהאַלטן —
וואָס איז דאָס, וואָס? וואָס איז דאָס, וואָס?
„ס׳איז בלוי ווי הימל, גרין ווי גראָז,
וואָס איז דאָס, וואָס?"
דאָס זיינען מיינע קינדער־יאָרן.

זיי האָבן זיי מיר צוגעגנבעט,
ציגיינער, כיטראַקעס, גזלנים,
זיי אויסגעליגנערט, אויסגענאַרט
מיט קנעפּלעך, קונצן און מאַראַנצן,
און זיי פאַרשיכורט אין אַ שענק,
פאַרקויפט אין צירק, פאַרשאַכערט גרינג,
און אויסגעלערנט זיי טאַנצן!

איז טאַנצן מיינע קינדער־יאָרן
מיט מאַלפּעלעך אויף דינע שטריק
און וויגן זיך אַהין און קריק
און שלינגען פייערן און שווערדלעך
און וויגן זיך אויף ווייסע פערדלעך
און רייטן אויף די שטומע בערן
און קלעטערן אויף אַ לאַמטערן,
לאַמטערן רויטע, געלע, גרינע.

זיי שטייען איצטער אויף אַ בינע
און זינגען אַזאַ זיס געזאַנג,
וואָס רינט ווי האָניק, לאַנג און באַנג.
ווי בלויער האָניק פון די שטערן.
ס׳ווערט פלוצים שטיל. און שאַ! זיי האַלטן
אין האַנט אַ גליווערדיקע שלאַנג —
און ראַפּטום קראַכט אַ פּויק (ווי ס׳קראַכן
די פּויקן שרעקעדיק און לאַנג)
אַ בראַזג — און אַלע קוקערס לאַכן:
ס׳איז ניט קיין שלאַנג, ס׳איז גאָר אַ קאָטער,
ס׳איז ניט קיין קאָטער, נאָר אַ טאַטער,
וואָס קען אויף ווילדע אָדלערס רייטן.

און מיינע קינדער־יאָרן לאַכן
און האַלטן זיך אַזש ביי די זייטן,
און מישן אוים זיך מיטן עולם,
די פויקן פויקן, קעסלען פּלאַצן,
און מיינע קינדער־יאָרן גייען
און טראָגן טעצעלעך און טאַצן,
און טראָגן טאַצן, טראָגן טעלערס
און זאַמלען זעקסערלעך און העלערס
און בוצאַקעס און אַלטע גראָשן
און רעדן גרינג אויף יעדן לשון:
זיי רעדן פּויליש און קאַטויליש,
סלאָוואַקיש, שוואָביש און באָסניאַקיש,
יעוואַניש (וואָס מע רופט כאַכאָליש)
און בראַזיליאַניש און שפּאַניאָליש,
לאַטייניש, גריכיש . . . ס'אַראַ חידוש,
זיי האָבן נישט פאַרגעסן יידיש!
זיי מישן זיך מיט די סלאָוואַקן,
גוראַלן, שוואָבן און באָסניאַקן,
און זעען ניט, ווי כ'שטיי אין גאַס,
ווי ס'ווערט מיין פּנים רויט און בלאַס,
ווי ס'רינען מיינע הייסע טרערן.

5.

צום וויסטן יאָר, צום שווארצן יאָר,
איז דאָס אַ חלום, צי אַ וואָר?!
איך וויש מיר אָפּ דעם שוויים פון שטערן:
עס איז די וואָר — איך זע זי קלאָר,
כאָטש כ'זע זי בלויז אין שיין פון טרערן:
סע קומען מער ניט קיין סלאָוואַקן,

(כאָטש ס'איז פון אָרלעוו בלויז אַ שפּאַן)
און ס'קומען מער ניט קיין באָסניאַקן,
פאַרהוילענע אויפן באַלקאַן.
(מיין גאָט, ווער קויפט ביי זיי די ליולקעס?)
מ'האָט לאַנג צעטריבן אַלע שוואָבן
ווי ווילדע קעץ, ווי בייזע ראָבן
און די יעוואָנים, די עקשנים
האָט מען פאַרשלעפט ביז קיין וואָראָכטע
און יידן — האָט מען אויסגעשאָכטן
און ניט געלאָזן האָט מען קיינעם,
וואָס זאָל אויף לעצטע קברים וויינען.

אויך די ציגיינער, די שוואַרציאָרן,
זיי זיינען וואו אַוועקגעפאָרן
מיט בעבעכעס, קינדער — גאַנצע פאָלקן —
דורך ווילדע וועלדער און דורך וואָלקן,
דורך הויכע בערג און דורך לבנות
צום לאַנד פון שרעקיקע סכנות.
צום לאַנד פון שרעק, צום לאַנד פון גליקן,
צו קאַלאַמוטנע קאַלאַמיקן,
צו לאַפּיטוטן, לילפּוטן,
צו שקלאַפן־הענדלערס שאַרפע קנוטן,
וואָס סווישטשען ס'בלוט אַרויס פון מאַרך
און צום געליבטן
לאַנד עגיפּטן,
וואו ס'טראָגט אַ יעדער מענטש אַ פּאַרך.
צום לאַנד פון שרעק און פון געזאַנגען,
וואו ס'וואוינען עקדישן און שלאַנגען,
וואָס שפּילן ציטערדיק און דין

פאַרחלומט אויף אַ מאַנדאָלין,
צו פרעמדע שטעט, צום פרעמדן האַפן,
וואו ס'פּראַצעווען פאַרשוויצטע שקלאַפן
און ווערן שטויביק־גרוי פון פּראַצע.
צום לאַנד פון חלום און פּאַלאַצן.
און אויף דער שוועל פון די פּאַלאַצן
(וואו מ'קען אין טיפע נעכט געפינען
אַן אוצר מיט צוויי קיניגינען)
ביי הויכע ווענט, ביי הויכע טויערן,
פאַרגליווערט שטייען צוויי גיבורים,
פאַרגליווערט שטייען הויכע וועכטער
און איינער איז פון צווייטן שלעכטער,
און היטן שטום די שטאָלצע הארן
פון רויב, ציגיינער און געפאַרן.

∴

פּאַדהאַלע איז געבליבן פּוסט.
געבליבן בלויז אַ זיפץ אין ברוסט
מיט טויטע גאַסן און זשאַנדאַרן.

6.

העי, פונעם דרום קום, באַסניאַק,
און גיי אַרום אין אַלע הויפן,
די ליולקעס דיינע צו פאַרקויפן.
כ'וועל קויפן מיר אַ ליולקע אויך,
און זיך פאַרוויגן מיט איר רויך
און זיך פאַרוויגן אין אַ וואָלקן
און זינקען אין אַ טונקעלן תהום
און, וויינענדיק, באַצערט, דערטרוימען
מיין טיפסטן, ניט דערטרוימטן טרוים.

און דו, ציגיינער, שפּיל אַ לידל,
שפּיל אויף אַ לידל אויפֿן פֿידל
אינמיטן מאַרק, אינמיטן גאַס!
ווייל אונדזער בערל מיטן באַס
איז שוין ניט מער צוריקגעקומען
פֿון בוכנוואַלד, פֿון אָשוויענטשים,
און ס׳וועט ניט קלינגען מער זיין שטים
דעם ערשטן מאַי אויפֿן פּאַראַד
אין „טייערן פֿריינד״ פֿון עדעלשטאַדט
און ר׳עט שוין מער זיין ליד ניט זינגען
פֿון יענעם אָרימינקן מיידל,
וואָס איז אַוועק אין לעצטן קליידל,
צו פֿרעמדע שטעט, צו פֿרעמדע גאַסן
און האָט גערופֿן: „וועש צו וואַשן״,
אַבי מיט אים אינאיינעם זיין,
אַבי מיט אים אינאיינעם זיין.

העי, קום, ציגיינער, שפּיל אַ לידל,
דאָס טויטן־לידל אויפֿן פֿידל
— כ׳וועל רענדלעך וואַרפֿן אויף דיין טאַץ —
ווייל ס׳איז צעבראָכן, ווי אַ פֿידל
מיין האַרץ, וואָס האָט פֿון צער געפּלאַצט.
געפּלאַצט פֿון צער, געפּלאַצט פֿון טרערן,
און ס׳קען שוין אויפֿגעריכט ניט ווערן
אַ האַרץ, וואָס האָט אַמאָל געפּלאַצט!

און פֿון די טאַטרעס קום, סלאָוואַק,
פֿון פּאָדאָליק, פֿון גרינעם ליפּטעוו,
פֿון מיינע בערג, די טיף־געליבטע,
און דראָטעווע צונויף מיין האַרץ,

וואָס איז צעבראָכן, ווי אַ שאַרבן,
ס'איז ניט איעדנס האַרץ פון אַרץ,
און יעדנס איז די שעה פון שטאַרבן!
העי, דראָטעווע צונויף מיין האַרץ,
ווי ד'האָסט געדראָטעוועט די טעפּ,
וואָס ביסט בנעימותדיק געזעסן
אין זומער-טעג אויף האַרטע טרעפּ
און פון דיין זעקעלע געגעסן
אַ ברויט מיט ערדיש-גרויען זאַלץ,
ווען ס'האָט געשמעקט מיט הייסן שמאַלץ
און פוטער-בולקעס פון די שטיבער.

און לאָז מיר בלויז צוויי שערבלעך איבער,
צוויי קליינע שערבלעך לאָז מיר איבער.

ווייל, האַרך, שוין ציען דינע קעלטן
פון יענע וועלטן, וויטע וועלטן,
און ס'שטייט אַ גאַזדע פאַר מיין טיר
און קלאַפּט מיט ביינערדיקע פינגער —
אָ, גאָט, דערבאַרעם זיך אויף מיר!

און גרים דעם דונייץ און דעם פּאָפּראַד
און גרים דעם ווינט און גרים די סאָסנעס,
די קרומע ווערבעס און בערעזעס,
און זאָג, זיי זאָלן נאָך מיר וויינען,
און זאָג, זיי זאָלן נאָך מיר קלאָגן,
ווייל ניט געלאָזן האָט מען קיינעם,
וואָס זאָל אַ קדיש נאָך מיר זאָגן.
אָ, גאָט, דערבאַרעם זיך אויף מיר!

און גרים די טייכן און די טאָלן
און גרים די פעלדער און די וועלדער
און גרים דעם רעגן אויף די וועגן,
און זאָג, זיי זאָלן נאָך אונדז וויינען,
און זאָג, זיי זאָלן נאָך אונדז קלאָגן,
ווייל ניט געלאָזן האָט מען קיינעם,
וואָס זאָל אַ קדיש נאָך אונדז זאָגן.
אָ, גאָט, דערבאַרעם זיך אויף אונדז!

זאָל שטומען בלויז דער פעלדז, דער גרויער,
מיט לעצטן טרויער און באַדויער
און מיט שווייגן פון די בערג.

וואָס וועט בלייבן נאָך מיר?

וואָס וועט בלייבן נאָך מיר?
אַ האַלב־געעפנטע טיר,
אַ שענקל מיט ביכער
אַלט און פאַרשטויבט,
און אַ ליידיק בענקל —
וואו איך האָב לידער געחלומט;
לידער אין וועלכע מיין האַרץ האָט געגלויבט.
לידער וואָס וועלן ליגן באַהאַלטן אין אַ הילצערן שופלאָד,
שטום,
ווי ניט־פאַרענדיקטע בריוו.

וואָס וועט בלייבן נאָך מיר?
שיך און זאָקן,
און אַ העמד אַזאַ,
וואו אַ האַרץ האָט געקלאַפּט
אויף טויט דערשראָקן.

וואָס וועט בלייבן נאָך מיר?
אַ זוניקער שטראַל
וואָס צאַנקט פאַרנאַכט,
אויף אַ הויפּישן מויער.

מענדל נייגרעשל, ע״ה

(אינטימער פען-פראָפיל פון דער סעריע „מיין לעקסיקאָן״)

פון מלך ראַוויטש

געבוירן אין ניי־סאַנץ אין יאָר 1903. געוואוינט אין ווין, פּראַקטיצירט אַלס אַדוואָקאַט. טיטל: דאָקטאָר יוריס. מיט־געמאַכט קאַצעטן. 1938 אין בראַזיליע. 1946 — ניו־יאָרק. געשטאָרבן דעם 9טן פעברואַר, 1965.

ער איז אַריינגעקומען אין דער איינזאַמער וועלט־קרעטשמע פון דער יידישער פּאָעזיע דורך אַ זייטיקער טיר און אויף די שפּיץ־פינ־גער — מענדל נייגרעשל. אַ שווייגנדיקער און מיט אַ לענגלעך, ברוינ־לעך־ גרוי־אויגיק, שווייגנדיק פנים פון אַ משולח, וואָס איז פון קיינעם נישט געשיקט געוואָרן. ער האָט זיך זיין לעבן לאַנג שטיל אַרומגעדרייט אין אָט דער קרעטשמע. פון אַלעמען באַמערקט און דאָך פון קיינעם נישט באַמערקט. אַז מען האָט גערעדט צו אים — האָט ער נישט געענטפערט, נאָר האָט זיך באַלד פאַר עפּעס פאַר־ענטפערט, קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס.

ער איז געווען אַ טיפּישער גאַליציאַנער־ווינער, און אויב עס איז פאַראַנען אַזאַ זאַך ווי אַ ספּעציפישער גאַליציאַנער יידישער פּאָעט — מענדל נייגרעשל איז עס געווען. ראַפינירט ביז צו די שפּיצן פינגער און אין דער זעלבער צייט פשטותדיק ווי אַ פאָלקס־ליד פון ערשטן ביזן לעצטן וואָרט. אָט איז זיינס אַ ליד פון זיינע 29 יאָר. ער האָט צו 60 נישט אַנדערש און נישט בעסער געשריבן. ער איז, ווי יעדער גוטער פּאָעט, אין ערשטן ליד געווען אַ רייפער:

איצט וויל איך קליינע לידער,
וואָס זענען שטילסטע פשטות —
צעשמעקט ווי ברויט אויף פעלדער,
ווען קאַלטער רעגן וואַשט עס.

זיי זענען ס׳האַרץ פון אמת
און אייביק פריש ווי שנייען.
דער קאַטערינשטשיק שפּילט זיי
דעם שניידערל ביים נייען.

זיי זענען העלער שמייכל
און טריפן זיס ווי האָניק —
און וואַקסן אגב-אורחא
ווי ווערבלעס אויף אַ גאַניק.

זיי זענען גרויסע קליינקייט,
באַשטימט אויף זיין און בלייבן:
איעדער קען זיי לייענען,
איעדער קען זיי שרייבן.

די פּאָר שמאָלע, קליינע ביכלעך מיט לידער און איבערזעצונגען פון פּוילישע דיכטונגען, וואָס מענדל נייגרעשל האָט אַרויסגעגעבן אין פאַרלויף פון נאָענט צו פערציק יאָר זענען נישט נאָר נשמהדיק, נאָר אפילו פיזיש — איך ווייס אַליין נישט וויאַזוי — ענלעך צו זייער מחבר. אויך זיי קענען אָפּשווייגן 20 יאָר אויף פּאָליצעס פון אַ ביבּליאָטעק און פּלוצלונג אַ שיין טאָן אויף אַ שעה מיט עכסטן פּאָעטישן אויסדרוק:

כ'קען לעבן שטיל און גוט מיט יעדן איינעם,
נאָר ביימער זענען מיינע בעסטע שכנים.
אויף זייערע האַרטע זון-געשטרעקטע צווייגן
וואַקסט ליכטיק אויבס און צייטיקט זיך דאָס שווייגן.

מענדל נייגרעשל האָט אפילו צונויפגעשטעלט אַן אַנטאָלאָגיע אויף 48 זייטן. זי רופט זיך: קליינע אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער ליריק אין גאַליציע — 1897 ביז 1935. אומגלויבלעך אָבער אמת. אין דער אַנטאָלאָגיע זענען רעפּרעזענטירט — און ט אַ ק ע רעפּרעזענטירט 31 דיכטערינס און דיכטערס, וואָס שטאַמען פון גאַליציע. נייגרעשל גייט אַרויס פון דער ריכטיקער הנחה, אַז אַזוי ווי דער גאַנצער ים איז דאָ אין אַ טראָפּן, אַזוי איז דאָ דער גאַנצער דיכטער אין איין ליד. די דאָזיקע מוסטער-מיניאַטור-אַנטאָלאָגיע איז אַ זינגענדיק-שווייגנדיקע דוגמא פון ד ע ר טעזע. טאָמער וועט עמיץ אַמאָל שרייבן אַ שטודיע וועגן דעם ספּעציפישן גייסט פון דער יידישער פּאָעזיע פון גאַליציע, וועט ער אָט די נייגרעשל-אַנטאָלאָגיע מוזן ציטירן ליד נאָך ליד.

מיר האָבן זיך מיט נייגרעשלען נישט צו אָפט געטראָפן פּנים אל פּנים. דאָך אָפטער קאָרעספּאָנדירט. צום אָפטסטן אין יאָר 1938, ווען ער איז געווען אין קאַצעט — איך אין אַרגענטינע און

איך האָב מיך געמיט אים אַהין אַרויסצוראַטעווען. דעמאָלט איז עס נאָך מעגלעך געווען. און מאָדנע — איך לייען איצט די בריוו אין מיין אַרכיוו — אפילו אין די טראַגישע בריוו שרייבט נייגרעשל מער וועגן... פּאָעטישע פּראָבלעמען ווי וועגן זיין לעבן־אָדער־טויט־פּראָבלעם. און שטיל ווי ער איז אַריין דורך אַ זייטיקער טיר — איז ער פלוצלונג, פון קיינעם נישט באַמערקט, דורך אַ זייטיקער טיר אַוועק.

אויף איינעם פון די איינזאַמע טישן פון דער קרעטשמע פון דער יידישער פּאָעזיע איז געבליבן ליגן אַ קליין ביכל — די לידער פון מענדל נייגרעשל...

איצט וועלן עס פלוצלונג אַלע באַמערקן.

נייגרעשלס פּנים וועט פון ערגעץ אויבן־הויך־הויבן עס זען און שווייגן — אָבער איצט מיט אַ שטילן שמייכל.